STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05446

DODL'S SHRIFTN

David Abramovitsh

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Elliot Zaleznik
in honor of
his wife, Joyce S. Zaleznik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאדל׳ס שריפטן

היסטאָרישע באַשרייבונג פון איין אידנ׳ס דורכלעבונג
אין די שווערע צייטן פון דער צווייטער וועלט מלחמה
און זיין עווענטועלין באַזעצן זיך אין ארץ ישראל

ניו יורק תשל״ז

Printed in the United States of America

פאָרוואָרט

דער דאָזיגער בוך „דאדל'ס שריפטען", ווערט געדרוקט לויטן צוואה פון יצחק ליב אַבראַמאָוויטש ע"ה אין וועלכער ער האָט באַפוילען נישט צו ענדערן דעם לשון אָדער דעם סטיל פון זיין ברודער דוד'ס שריפטען.

* * *

אַ טייל פון די שריפטען פון דוד אַבראַמאָוויטש, זיינען געדרוקט געוואָרען אין בוך „פינקס ביטען" וואָס איז אַרויס געגעבען געוואָרען אין אַרגענטינע אין יאָהר תשי"ד.

* * *

יצחק ליב אַבראַמאָוויטש איז געבוירען געוואָרען אין ביטען און האָט פאַרלאָזט זיין געבורטשטאָט נאָכ'ן ערשטען וועלט מלחמה. ער איז געקומען קיין אַמעריקא אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָהרען. ער האָט ערלעך און שווער געאַרבעט אַלע זיינע יאָהרען און פיל געהאָלפען זיין משפחה אין פוילן און — נאָכ'ן חורבן אייראָפּע — אין ארץ ישראל.

ער איז געשטאָרבען אין מיאַמי ביטש אין עלטער פון 79 יאָהר, י"ח אדר שני תשל"ו, און געבראַכט געוואָרן צו זיין אייביקער רו אין חולון ארץ ישראל לעבען זיין ברודער דוד.

* * *

דוד אַבראַמאָוויטש איז געבוירען געוואָרען אין דער וויס־רוסישער שטעטל ביטען. אין דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ער זיך צוגעשטעלט צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד און נאָכדעם צו דער רויטער אַרמיי.

נאָך פיל מאַטערניש און נאָכ'ן פאַרלירען אַ האַנט אין דער שלאַכט־פעלד, האָט ער דערגרייכט צו ארץ ישראל אין יאָהר תש"ו.



יצחק ליב | | דוד

די צוויי ברידער אבראמאוויטש

דאָרל'ס שריפטן

די דייטשע מיליטערישע און ציווילע פאַרניכטונגס-מאַשין אַרבעט אָן איבעררייס. די אידישע באַפעלקערונג ווערט טאָטאַל אומגעבראַכט. סאָוועטישע קריגס-געפאַנגענע ווערן סיסטעמאַטיש אויסגעמאָרדעט. אַר־טיקע קריסטן, פאַרדעכטיקט אין סימפּאַטיעס צום ראַטן-פאַרבאַנד, ווערן פאַרפייניקט פון געסטאַפּאָ.

שטעט, דערפער ליגן אין חורבות; זייערע איינוואוינער — אין מאַסן-קברים. שרידים, על פי צופאַל געראַטעוועטע פון דעם גרויזאַמען פאַרניכטונגס-אַפּאַראַט, זוכן אַ מקום מקלט, ווייט פון אַ מענטשלאכן ישוב, וואָס ווייטער זיך צו געפינען פון דער דייטשער מערדישער האַנט.

דער רוסישער מענטש, אַ קינד פון רחבותדיקע פעלדער, ברייטע אומענדלעכע סטעפּעס, אומענלעכע טייגעס און וועלדער — געפינט וועגן אָן דער הילף פון אַ לאַנד-קאַרטע, אָן אַ קאָמפּאַס, אָן אַנדערע מכשירים און וועג-ווייזער.

די זון בייטאָג, די שטערן ביינאַכט — ווייזן אים דעם וועג, די ריכטונג. פון אַלע וועג-לאַבירינטן פירט אים אַרויס זיין חוש, ווי דער חוש פון אַ געררודפטער חיה, וואָס זוכט זיך צו ראַטעווען פון בלוט־דורשטיקע יעגער און זייערע בייזע הינט.

ער לויפט צו מזרח — וואָס נעענטער צו זיין „מאַטושקאַ ראַסיאַ".

די וועגן צו זיין „מאַטושקאַ", איבער דער פּוילישער ערד, זיינען ווייטע, לאַנגע, שווערע, סכנותפולע; די פּוילישע באַפעלקערונג איז פיינטלעך געשטימט צו די „מאַסקאַל-באָלשעוויקעס" און זי העלפט די דייטשן אין זייער געיעג נאָך די אַנטלאָפענע. די רוסישע קריגס־געפאַנגענע שרעקן זיך צו באַווייזן אין אַ פּוילישן דאָרף. דער נסיון איז אַ ביטערער. אין ליכט פון טאָג ליגן זיי פאַרשטעקט אין וועלדער, זומפּן, וועלדלאַך, אין פאַרלעגענע ערטער ווייט פון אַ ישוב. אין די נעכט וואַנדערן זיי. דעם הונגער שטילט מען מיט גראָז, שוועמלאַך, מיט רויע קאַרטאָפל פון פעלד.

אין דעם לויף-געיעג געלינגט אַ קליינעם טייל פון די אַנטלאָפענע צו דערלאַנגען צו די מזרח-ראַנד-געביטן פון פּוילן, צו „בעלאַרוסיאַ", וואָס איז באַפעלקערט פון אַ ברודער-שטאַם, צווישן וועלכע ער האָפט

און האָט שאַנסן נעלם צו ווערן פון די דייטשע יאַגד־הינט, וואָס לויערן נאָך זיין לעבן.

אין די ווייסרוסישע וועלדער געפינט זיך דער אַנטלאָפענער אַ מקום מקלט, ער באַוועגט זיך פריי אין זיי, ער ציט אָפּ דעם אָטעם. אין די וועלדער וועט ער איבערווינטערן, זיך אויסרוען, אָנזאַמלען כוחות צום ווייטערדיקן וועג, צו מזרח. ער האָט ניט בדעה צו פאַרבלייבן אין וואַלד ביז די אומגליקלאַכע מלחמה וועט זיך ענדיקן.

על אחת כמה וכמה פאַלט אים נישט איין אַ געדאַנק אין אַזאַ מצב צו קעמפן מיטן שונא. ער איז אומבאַוואָפנט, הונגעריק, באָרוועס.

וואָלטשע־נאָרער וואַלד, אין וועלכן ער איז אַריינגעלאָפן, איז אַ רינג אין אַ לאַנגער קייט ווייסרוסישע וועלדער, וואָס בילדן שפּרינג־ברעטער צו זיין „מאַטושקא ראַסיא״. מיטן אָנקומען פון פרילינג וועט שפּרינגען . . .

אין די דערפער אַרום די וואָלטשע־נאָרער וועלדער זיינען געבליבן איינצלנע געטרייע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָפּיצירן פון דער רויטער אַרמיי און פונקציאָנערן פון דעם רוסישן זיכערהייטס־דינסט, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אָפּצוטרעטן צוזאַמען מיט די אַנט־לויפנדיקע אין בהלה אַרמיי טיילן. אין מאָמענט ווען די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיי אויפגעפאָדערט צו מעלדן זיך אין אירע שטעטישע רעגיסטראַציע־אַמטן, האָבן זיי פאַרלאָזט די דערפער און באַהאַלטן זיך אין די אַרומיקע וועלדער.

פּויערים פון דערפער אין שכנות מיט וואָלטשע־נאָרער וואַלד דערציילן וועגן די ערשטע אַנגעלאָפענע קריגס־געפאַנגענע אין דעם וואַלד, אין די שווערע ווינטער־חדשים 42 — 1941. די דייטשן ווייסן פון אַזאַ אָנזאַמלונג אין וואַלד און זיי זיינען חושד די פּויערים אין געבן שפּייז די קריגס־געפאַנגענע. עס זיינען געווען פאַלן, ווען ווייס־רוסישע פּאָליציאַנטן, פאַרשטעלט אַלס קריגס־געפאַנגענע, זיינען אין אַ פינסטערער נאַכט אַריין אין דאָרף, שטיל געקלאַפּט מיט די פינגער אין שויב־פענסטער פון אַ כאַטע און תחנונימדיק געבעטן ברויט. דער ווייס־רוסישער פּויער האָט געעפנט די טיר פון זיין כאַטע, געגעבן זיי ברויט

און באַצאָלט דערפאַר מיט זיין קאָפּ, מיט די קעפּ פון זיין פרוי און קינדער.

און ווען דער קריגס־געפאַנגענער, געטריבן פון זיין פיינלאַכן הונגער, פלעגט זיך אַריינגנבענען אין אַ פינסטערער ווינטער־נאַכט אויפן הויף פון אַ פויערשער כאַטע, האָט זיך שוין די טיר פאַר אים נישט געעפנט. דער פויער איז געווען איבערגעשראָקן, דער דייטשער טעראָר האָט געבושעוועט אויף אַלע וועגן.

אַרויסקריכן פון וואַלד צו אַ דאָרפישן ישוב, אָן פאַרבינדונג מיט אייגענע מענטשן, איז געווען אַ סכנה. אַ פאַרבינדונג אַנצוקניפּן מיט דער באַפעלקערונג געלינגט נישט דעם קריגס־געפאַנגענעם אין די ווינטער־חדשים. אין די שנייען בלייבן פאַררעטערישע שפורן.

די פויערים וויסן צו דערציילן, אַז פון די ערשטע 12 אַנגע־זאַמלטע קריגס־געפאַנגענע אין וואַלטשע־נאַרער וואַלד זיינען 10 אומ־געשטאָרבן פון הונגער, דערשעפונג, מחלות א.א. וו.

דאָך פאַרלירט נישט דער וואַלד זיין צוציאונגס־קראַפט. עס קומט דער פרילינג 1942. די זון וואַרעמט און גלעט. דער וואַלד רופט.

די פאַרפאָלגטע הערן די שטים פון וואַלד. זיי שפרינגען פון צוגן פאַזע דעם וואַלד, זיי לויפן פון שאָסייען, פון באַן־ליניעס וואו זיי אַרבעטן. אַ האָגל קוילן פון דייטשע וואַך־פּאָסטנס באַגלייט זיי, אָבער די משפּחה אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע אין וואַלד ווערט פאַר־גרעסערט.

קיין צוריקוועגס פון וואַלד איז נישטאָ, נישטאָ וואוהין צו לויפן. אַלע וועגן צו מזרח ווערן פאַרשטאָפּט, פאַרשפּאַרט. דער וואַלד באַשיצט די וואָס זוכן ביי אים אַ רעטונג פאַר זייער לעבן.

צו דעם דאַרף מען נאָר באַקומען די ערשטע ביקס און אַ צאָל קוילן . . .

אַ שלל געווער איבער די וועגן און פעלדער האָבן צעזייט די אָפּטיילונגען פון דער סאָוועטישער אַרמיי בעת זייער בהלהדיקן אָפּ־טרעטן אין יוני 1941. די דייטשע מיליטער־מאַכט האָט געלאָזט ליגן

דאָס צעזייטע געווער. דער ווייסרוסישער פויער האָט זוכה געווען פון דעם הפקר־געווער. אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט פאַרן פויער איז אַ ביקס אין גוטן צושטאַנד, אַ קעסטל שיסקוילן, אַ האַנט־מאַשין געווער, האַנט־גראַנאַטן וכדומה.

ער זאַמלט דאָס צונויף, פאַרשטעקט עס טיף אין דער ערד. מיט דער צייט וועט דאָס צוניץ קומען . . . די ערשטע ביקס מיט אַ בינטל קוילן ווערן אַריינגעלייגט אין די געניטע הענט פון אַ מיליטער־מאַן. נאָך ביקסן און נאָך קוילן, ווערן אַרויסגעשלעפּט פון דער באַהעלטעניש. ס׳בילדן זיך אוים קליינע, באַוואָפנטע גרופּן.

די אַרויסקריכונגען פון וואַלד ווערן אָפטערע, דרייסטערע. די קעמפער לויערן אויף וועגן און דורכפאָר־פונקטן; זיי באַפאַלן דייטשע וואַך־פּאָסטנס; זיי באַפאַלן קליינע גאַרניזאָנען; זיי וואַרפן אָן אַ פּחד אויף די בלוטיקע הערשער און אויף די אָרטיקע קריסטלאַכע איינוואוינער, וואָס שטייען אין דינסט פון דייטש.

מיטן כוח פון זייער געווער נעמען זיי געווער, שפּייז און קליידונג, אַראָפּגעצויגענע פון דערשאָסענע דייטשן.

אַ ווערטפולן צושטייער פאַר פאַרטיזאַנישער באַוואָפענונג אין וואַלטשע־נאָרער וואַלד גיט די אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ סלאָנים, וועלכע ליפערט סיסטעמאַטיש געווער און אַמוניציע, וואָס ווערן אַרויסגעגנבעט דורך די אידישע צוואַנגס־אַרבעטער פונעם „בויטן־לאַגער" (לאַגער פון זאַק־דיוב טראָפייען), וואו זיי זיינען באַשעפטיקט ביים רייניקן און סאָרטירן די טראָפיי־אַמוניציע, וואָס די דייטשן פאַר־כאַפּן ביי דער רויטער אַרמיי. איינשטעלענדיק זייער לעבן טראָגן אידישע אַרבעטער אַרוים פון לאַגער טיילן פון ביקסן, פון מאַשין־געווערן א. א. וו. דורך געהיימע קריסטלאַכע פאַרבינדלער ווערן די טיילן איבער־געשיקט אין וואַלד, וואו געניטע הענט שטעלן צונויף דאָס געווער גרייט צום שיסן.

מיטן פאַנאַנדערוואוקס פון דער פאַרטיזאַנישער טעטיקייט שאַפן זיך נאָך מקורות פון געווער, מיט וועלכע ס׳ווערן באַוואָפנט די אָנגע־לאָפענע אין וואַלד.

די אַנגעלאָפענע סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע זיינען די פּיאָנערן פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין וואַלטשע-נאַרער וואַלד. די הילף וואָס זיי באַקומען פון אַ דינעם שיכט אָרטיקע ווייסרוסן, סימפּאַטיקער פון ראַטן-פאַרבאַנד, איז אַ גרויסער ביישטייער פאַר זייער פאַרצווייגטער טעטיקייט.

די פּיאָנערן-פּאַרטיזאַנער גרייטן צו אַ באָדן פאַר אַ לאַנג-דויערנדיקן קאַמף. די דייטשע מאַשין פון בלוט און מאָרד פאַרזייט קערנער פון בונט קאַמף. די קערנער פאַלן אויף אַ פרוכטבאַרן באָדן. די פּיאָנערן גרייטן צו אַ מקום-מקלט, פאַר שטראָמען פּליטים, אַנטרונענע פון דער דייטשער מאָרד-מאַשין.

פון מענטשן פריינטלאַכע, אָן פאַראורטיילן פון ראַסן-דיסקרימינאַציע, איז דער בראשית פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין דערמאָנטן וואַלד. ברידערלאך ווערן אויפגענומען די אידישע פּליטים, רעשטלאך פון שחיטות, וואָס לויפן אַריין אין וואַלד אין אַ שפּעטערדיקער צייט. די פּאַרטיזאַנער נעמען אונטער זייער שוץ די שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע אידן.

די גוטע באַציאונג צו די אידן אין וואַלד דויערט אָבער נישט לאַנג. דאָס קאָרטן-הייזל פון פעלקער-ברידערלאַכקייט פאַלט איין און די ערשטע קרבנות זיינען אידן . . .

דער איד קען נישט די וועגן צום וואַלד, וואָס איז אַזוי נאָענט פון זיין שטעטל. דער וואַלד איז אים פרעמד, דער וואַלד שרעקט אים. חוץ דעם איז ער אַ מטופּל מיט קינדער, מיט אַ פרוי, מיט אַלטע טאַטע-מאַמע — ער וועט אין וואַלד אויסגיין פון הונגער, קעלט, מחלות, בפרט ווען דער ווינטער איז אויפן שוועל.

און אין געטאָ דערציילט מען, אַז די גויאישע פּאַרטיזאַנער לאָזן נישט אַריין אין וואַלד, ווען מען קומט אָן אַ ביקס. זיי טרייבן צוריק . . .

די דייטשע לאָקאַלע זשאַנדאַרמעריע-מאַכט נעמט „מתנות" פון יודענראַט. די מערדער שמייכלען און פאַרזיכערן, אַז די אַקציעס אויף אידן זיינען פאַרבאָטן, די אַקציעס זיינען אָפּגעשטעלט, עס איז דאָ

אַ בפירושער באַפעל. די אידן אין ביטען זיינען „זיכער" מיט זייער לעבן, זיי זיינען אַלע ארבעט־מענטשן, וואָס מיט זייער ארבעט ברענגען זיי נוצן פאַר דער ווערמאַכט.

די דייטשן נאַרן, זאָגן ליגנס, זיי ווילן אָפּציען די אידישע אויפ־מערקזאַמקייט פון זייערע פינסטערע פּלענער. די אידן גלויבן . . . די אידן אין געטאָ לעבן זיך איין מיט די פינסטערע געטאָ־באַדינגונגען אַזוי גוט ווי דער רוב סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע לעבט זיך איין מיט דעם אכזריותדיקן מצב אין זייער געפאַנגענשאַפט. זיי וואַרטן אויך אויף אַ נס, וואָס זאָל זיי באַפרייען און דערוויל לאָזן זיי זיך אויסמאָרדן אָן אַ ווידערשטאַנד. און דער סאָוועטישער קריגס־געפאַנגענער איז דאָך אַ דערפאַרענער שלאַכטמאַן, פאַרהאַרטעוועט אין קאַמף; טעג, וואָכן, חדשים אין נאַסע טראַנשייען געווען, אונטערן פרייען הימל. ער האָט אויך אַ „חזקה" צו הונגערן. ער איז נישט מטופל מיט קינדער. ער איז אַליין, מיט זיך אַליין, און דאָס פאַר־לייכטערט זיין באַוועגונגס־מעגלאַכקייט, ווען ער לויפט פון די קריגס־געפאַנגען לאַגערן.

אָבער דער סאָוועטישער קריגס־געפאַנגענער לויפט ניט פון די לאַגערן, כל זמן די דייטשן הויבן ניט אָן אויסצופירן אַקציעס פון טאָטאַלער אויסראָטונג איבער אים. אויך די אידן פון די געטאָס לויפן נישט אין וואַלד, כל זמן עס קומען נישט טאָטאַלע שחיטות.

אויף די פעלדער ביי **ביאַלא־פּאַדלסקא,** פּוילן, אונטער רעגנדיקע האַרבסט־הימלען, הינטער צוימען פון שטעכל־דראָט מיט לאַדונג פון עלעקטרישן שטראָם, באַוואַכט פון שומרים מיט אָנגעצילטע מאַשין־געווער אויף טורעמס אין אַלע פיר ווינקלען פון לאַגער — — ליגן צונויפגעפּרעסט 80 טויזנט סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. זיי ווערן סיסטעמאַטיש אויסגעמאָרדעט. טאָג־טעגלאַך ווערן דערשאָסן 500 קריגס־געפאַנגענע, צוערשט קראַנקע, דערנאָך געזונטע. די צעשיסונגען קומען פאָר אין לאַגער פאַר די אויגן פון די לעת־עתה לעבנגעבליבענע. די לעצטע 5000 מאַן וואַרפן זיך אין אַ פאַרצווייפלטן שטורעם־אַטאַק אויף די דראָטן. אַ טייל ווערט דערשאָסן פון די וואַך־פּאָסטנס, אַ טייל ווערט אַריינגעטריבן צוריק אין שטייג. אַ פּאָר הונדערט קריגס־געפאַנגענע געלינגט צו אַנטלויפן. פינף פון די אַנטלאָפענע, בראָש מיט איינעם וואָס רופט זיך ארקאַדי, לויפן אַריין אין וואַלטשע־נאַרי וואַלד אין סעפּטעמבער 1942. זיי זיינען דורכגעלאָפן אַ מרחק פון 250 קילאָמעטער בערך.

ארקאַדי ווערט מיט דער צייט קאָמאַנדיר פון פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד אין דערמאָנטן וואַלד.

די טראַגעדיע פון ביאַלא־פּאַדלסקער קריגס־געפאַנגענעם־לאַגער (דערציילט פון ארקאַדי און זיינע פיר חברים), ווייזט אָן, ווי אַזוי 80 טויזנט געוואָרענע מיליטער־לייט „לאָזן" זיך אויסשעכטן אין די אויסוועגלאָזע באַדינגונגען אין וועלכע די דייטשע מערדער וואַרפן אַריין אומבאַוואָפנטע מענטשן. אין נאָך ערגערע באַדינגונגען וואַרפן די פאַרברעכער אַריין די אידישע באַפעלקערונג.

עס איז נישטאָ קיין ענטפער און עס וועט נישט זיין קיין ענטפער אויף דער פראַגע, ווי אַזוי מאַסן מענטשן לאָזן זיך פירן צו שחיטות אָן ווידערשטאַנד.

די דייטשע פּרעציזיע פאַרניכטונגס־מאַשין דערפירט אירע קרבנות צו רעזיגנאַציע, זי פאַראַליזירט יעדן ווידערשטאַנד, פאַר־שלעפערט, פאַרהיפּנאָטיזירט און — מאָרדעט.

אויך די אידישע שרידים־פּליטים פון שחיטות לויפן אין וואַלד,

אין וואַלד וואָלטשע־נאַרי, וואו דער פּאַרטיזאַנער אָטריאַד, פון וועלכן אַ גרויסער טייל באַשטייט פון אידן, נעמט אונטער איר שוץ אידישע מענער, פרויען, קינדער, זקנים, און אָרגאַניזירן די מיליטער־פעאיקע אידן אין קאַמפּס־אָפּטיילונגען, די נישט־פעאיקע — אין די אַזוי גערופענע „פאַמיליע־לאַגערן".

דער געשענדעטער, צום טויט־פאַרמשפּטער געטאָ־איד, באַקומט אין וואַלד צוריק זיינע מענטשלאַכע רעכט, ער ווערט אַ גלייכבאַ־רעכטיקטער בירגער פון וואַלד. אַ ביקס, אַ גאַרטל שיס־קוילן, האַנט־גראַנאַטן, באַצירן דאָס אָרט פון די געלע שאַנד־לאַטעס, וואָס האָבן געבריט זיין גוף און געשענדעט זיין נשמה. ער ווערט אַ פרייער מענטש. פאַר פרייהייט דאַרף מען קעמפן, פרייהייט דאַרף מען אויס־קעמפן, פאַר פרייהייט צאָלט מען אַ בלוטיקן פרייז.

דער געטאָ־איד ווערט אַ פאַרטיזאַנער, אַ אידישער פאַרטיזאַן. ער קעמפט אַקסל־ביי־אַקסל מיט זיין חבר דעם גויאישן פאַרטיזאַן. ער גייט אין שלאַכט, ער פאַלט אין שלאַכט. דער געוועזענער געטאָ־איד באַקומט אין וואַלד דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. ער רופט אַרויס צו זיך דרך־ארץ מצד די גויים. ער באַוועגט זיך פריי אין די וועלדער, אין די דאָרפישע יישובים. ער באַקומט זיין שפּייז און קליידונג אויפן חשבון פון דער גויאישער באַפעלקערונג און צאָלט פאַר דעם מיט סטאַלינס הבטחה־טשעקן פון דער קומענדיקער באַפרייאונג.

דער געוועזענער דערנידעריקטער געטאָ־איד וואַרפט אָן אַ שרעק אויף די שונאים. דער געטאָ־איד ווערט אַ נקמה־איד.

אין וואָלטשע־נאַרי וואַלד שלאָפן זייער אייביקן שלאָף אַ סך העלדן פון אידישן פאָלק, העלדן אומבאַקאַנטע, פאַרגעסענע . . .

שוין עטלאַכע טעג ווי ס'מערקט זיך אַ קאָנצענטראַציע פון מאַסן דייטשיש רעגולער מיליטער אויף אַלע וועגן און דערפער אַרום וואָלטשע־נאַרי וואַלד. אָט די דאָזיקע באַוועגונג פון מיליטער פאַרבינדן פאַרטיזאַנער ווילן ניט גלויבן אין די ידיעות פון געהיימע פאַרבינדלער, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַן „אָבלאַווע". זיי ווילן אויך ניט גלויבן, אַז די דייטשן וועלן וואַגן אַריינדרינגען אין וואַלד און זיי אָנגרייפן.

ניקאָליי ניקאָלייעוויטש, נאַטשאַלניק פון פּאַרטיזאַנען שטאַב זאָגט: „ווען די דייטשן יאָ אַריינגיין אין וואַלד, וועלן די בלעטער פון אַלע ביימער עפּענען אויף זיי אַ פייער״.

די דייטשן וואַגן; די אַרומרינגלונג אין אַלע זייטן פון וואַלד איז געשלאָסן. דעם 18 סעפּטעמבער 1942 גייען זיי אַריין אין דעם טייל וואַלד, וואו עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנישע לאַגערן. אַ העליש פייער פון טאַנקן, אַרטילעריע, מינען-שלײַדערער, מאַשין-געווער, באַ-גלייט פון אויסשפּיר-עראָפּלאַנען און באָמבאַרדיר-עראָפּלאַנען — קלאַפּט אין יעדן בוים, אין יעדער צווייג. די פּאַרטיזאַנער קעמפן פאַרביטערט. נאָך אַ שלאַכט פון אַ שעה צייט בערך ווערט איינגעבראָכן דער פּאַרטיזאַנישער ווידערשטאַנד. ס׳הייבט זיך אָן אַ בהלהדיק לויפן אין די זומפּיקע וואַלד־שטחים.

די אַבלאַווע ציט זיך 14 טעג. די דייטשן „רייניקן״ דעם וואַלד. פאַרהעלטנישמעסיק קליינע פאַרלוסטן האָבן די באַוואָפנטע קריגס דערפאַרענע פּאַרטיזאַנער, אין דעם אַ צאָל געפאַלענע אידישע קעמפער. גרויסע פאַרלוסטן — די גויאישע פאַמיליען-לאַגערן. מוראדיקע פאַר-לוסטן — די אידישע לאַגערן.

די גויאישע פּאַרטיזאַנער זוכן אַ שעיר לעזאזל פאַר זייער דורכפאַל. זיי זוכן נישט לאַנג און געפינען: אידן...

די גויאישע פּאַרטיזאַנער פאַרטראַכטן פינסטערע פּלענער; רייָן מאַכן דעם וואַלד פון די לעבנגעבליבענע אידן. די פינסטערע פּלענער באַקומען הויט-און-ביינער אין דעם מאָמענט, ווען דייטשע צוויי דיוויזיעס פון דער שטראָף-עקספּעדיציע פאַרלאָזן ענדגילטיק (דעם 6-טן אָקטאָבער 1942) די וואַלד-שטחים פון וואָלטשע-נאָרי און סביבה. די צעיאָגטע, צעשפּרייטע גויאישע פּאַרטיזאַנער קריכן אַרויס פון די לעכער, זיי זאַמלען זיך צונויף און ווערן צוריק הערשער פון וואַלד. עס הויבן אָן צו הוליען בייזע ווינטן. פינסטערע וואָלקנס הענגען איבער אידישע קעפּ.

די ערשטע פידל אין אידן-פיינטלעכן אָרקעסטער שפּילן די אָרטיקע ווייסרוסן — איינוואוינער פון וואָלטשע-נאָרי „כוטאָרן״

(איינצלווירטשאַפטן). אַט די ווייסרוסן פון די כוטארן זיינען בעל־כרחו געוואָרן פּאַרטיזאַנער אין מאָמענט, ווען די אָנגעזאַמלטע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע ווערן אַ באַוואָפנטע מאַכט און זיי באַהערשן דעם וואַלד, מיט די איבער הונדערט ווירטשאַפטן און זייערע מענטשן. די וואַלטשע־נאַרער „אנוסים״־פּאַרטיזאַנער בילדן נומעריש אַ גרויסע צאָל, וואָגיק איז זייער השפעה אויף די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער און אַן אָנשטרענגונגען איז איין גוי משפיע אויף אַ צווייטן גוי, אַז ביידע זאָלן פיינט האָבן אידן. עס צעסקריפּן זיך אַלע גויאישע פידלען מיט בלבולים.

שנאהדיקע טענער הילכן אין וואַלד.

די אידן-רעשטלאַך פון דער אבלאווע ווערן אַריינגעטריבן אין איין קוואַרטל פון וואַלד — אַ געטאָ אָן שטעכל-דראָטן. זיי ווערן באַגרעניצט אין זייערע באַוועגונגען. זיי איז פאַרבאָטן אַרויסצוגיין מחוץ דעם קוואַרטל. זיי איז פאַרבאָטן צו גיין גראָבן קאַרטאָפל אויף די פעלדער פון די פאַרברענטע וואָלטשע-נאַרער כוטאָרן, וואָס זייערע באַלעבאָטים זיינען אין גרעסטן טייל אויסגעהרגעט געוואָרן אין די אבלאווע-טעג.

די גויאישע פאַרטיזאַנער ווערן רויבער-באַנדעס; זיי ציען אַראָפ ביי די אידן די שיך און די בעסערע מלבושים. די אידן גייען אַרום הונגעריקע, אָפּגעריסענע, באָרוועסע.

די אידן ווערן אַנטוואָפנט פון זייער געווער. שלמה טשערני-אכאווסקי (אַ בחור פון סלאָנים, 22 יאָר אַלט), זאָגט זיך אָפּ קאַטעגאָריש אַרויסצוגעבן זיין פאַרשטעקטע ביקס. שלמה ווערט דערשאָסן פאַר די אויגן פון דער אידישער גרופּע (שלמהס ברודער יצחק, געוועזן אין דעמזעלבן וואַלד, געפינט זיך איצט אין לוד).

אַ גרופּע גויאישע פאַרטיזאַנער גנבעט אַרויס אַ פעסל חזיר-פלייש פון אַ צווייטער גויאישער גרופּע — זיינען שולדיק די אידן, און עס ווערט דערשאָסן אייזיק מירסקי און אַן אידיש מיידל אַלס פאַרדעכטיקטע אין דער גנבה.

באַגעגענען די גויאישע פאַרטיזאַנער אַן איד וואָס גייט פון דאָרף באַראשטשע (אַ דאָרף ביים ראַנד וואַלד), וואו ער האָט באַקומען פון אַ פויער אַ הויפן זאַלץ — ווערט ער דערשאָסן.

די גויאישע פאַרטיזאַנער ווערן מערדער-באַנדעס.

די הערשער פון וואַלד גיבן אַרויס אַ גירוש-טערמין פאַר די אידן. ווען די אידן ביז דעם אָנגעגעבענעם טערמין נישט פאַרלאָזן דעם וואַלד, וועלן זיי דערשאָסן ווערן. די אידן ענטפערן אַנטשלאָסן: אין וואַלד בלייבן מיר, דעם וואַלד פאַרלאָזן מיר ניט, דער וואַלד איז אונדזער היים . . .

דער שטאָלצער, דרייסטער לימא פיטקאָווסקי וואַרנט אַ גויאישן

פּאַרטיזאַנער: „די סאָוועטישע אַרמייען וועלן פאַרטרייבן די דייטשן, די מלחמה וועט זיך ענדיקן, אָבער עס וועט דאָך בלייבן אַ לעבעדיקער עדות פון אייערע פאַרברעכנס; איר וועט באַצאָלן פאַר די רציחות און פאַרן פאַרגיסן אומשולדיק אידיש בלוט, איר וועט אייער שטראָף באַקומען".

לימאַס „חוצפּה" חתמט זיין גורל. אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער ווערט לימאַ דערשאָסן פון די גויאישע פּאַרטיזאַנער אויף אַ געמיין־פאַררעטערישן אופן.

פאָרנדיק פון מאָסקווע, וואו איך בין געלעגן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל — אויפן וועג צו מיין חרוב שטעטעלע, באַגעגן איך אין באַראַנאַוויטש אויף דער באַן־סטאַנציע (דעם 10־טן מאַי 1945) איינעם פון די הויפּט־פּאָגראָמשטשיקעס איבער די אידן אין וואָלטשע־נאָרער וואַלד, דעם וואָלטשע־נאַרער וויסרום פּאַשקאַ פּאַוולאָווסקי.

פאשקאַס ברוסט איז באַצירט מיט אַ צענדליק הויכע מיליטערישע אויסצייכנונגען פון דער סאָוועטיש־מאַכט פאַר זיין פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט, פאַר העלדישע מעשים . . .

שאָטנס פון שחיטות איבער אידן וויקלען איין דעם וואַלד. אַ שחיטה וואָס עס גרייטן צו וואָלטשע־נאָרער וויסרוסן בשותפות מיט געוועזענע סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע.

די דייטשן פלעגן פון די אידן אויסבאַהאַלטן דעם באַשטימטן שחיטה־טאָג. די גויאישע פּאַרטיזאַנער זיינען אָפּנהאַרציק, זיי פאַר־באַהאַלטן נישט, זיי שטעלן פאַר אַ ברירה: פאַרלאָזן דעם וואַלד ביז דעם 5־טן דעצעמבער אָדער דערשאָסן ווערן. און דער ברירה־טערמין דערנענטערט זיך . . .

דער פּאַרטיזאַנען־שטאַב אין וואָלטשע־נאָרי האָט ספיקות צי מ'דאַרף ממשיך זיין דעם קאַמף קעגן דייטש, וואָס דאָס וועט זיין פאַרבונדן מיט אבלאַוועס, מיט אַלע גרוילן און קרבנות וואָס אַן אבלאַווע ברענגט, צי ווידער אָפּשטעלן דעם קאַמף, נישט רייצן, נישט פּראָוואָצירן, נישט באַפאַלן קיין דייטשן, נישט באַאומרואיקן זיי — וועלן די דייטשן אין זיי פאַרגעסן און זיי צורו לאָזן. דאָס אַרויסגיין

פון וואַלד וועט אויך זיין באַגרענעצט, אַזוי אַז מען וועט זיך אויסלעבן אין וואַלד ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן.

איז דאָך די איצטיקע אבלאַווע אַ רעזולטאַט פון פּאַרטיזאַנישע אַרויסרופונגען. אין דעם פאַל זיינען די רעשטלאָך אידן אין וואַלד איבעריק, נישט געוואונטשן, אומבאַקוועם. זייער אַנוועזנהייט אין וואַלד דערמאָנט אומדירעקט די האַניק־חדשים פון אַ בשותפותדיקן קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא. אויסער דעם קריצט מיט די ציין די קריסטלאַכע דאָרפישע באַפעלקערונג, פאַרוואָס אידן רויבן ביי זיי שפּייז.

אָט, למשל, געדענק איך אַזאַ פאַל — איינעם פון אַ סך: זיבן אידן, בראש מיט יאַנקל פּריבולסקי* אַלס קאָמאַנדיר, קומען מיר אַמאָל אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט אַריין אין אַ דאָרף מיסילעוויטש, וואָס ציילט צוויי טויזנט קעפּ. דאָס דאָרף מיסילעוויטש ליגט פון אונדזער וואַלד־באַזע בערך 25 קילאָמעטער. די באַפעלקערונג פון דאָרף זיצט

---

*) אַ האַרציקער, אַ ליבער, אַ גוטער, מיט אַ שטענדיק שמייכעלע אויף זיין פּנים, יענקל פּריבולסקי. שטענדיק איז ער גרייט צו העלפן אַ חבר אין אַן עת־צרה. רואיק, געלאַסן, און דרייסט. שרעק איז אים פרעמד. דער ערשטער איז ער צום אויספירן אַלע געפערלאַכע אויפגאַבעס. יענקל קען אויסגעצייכנט דעם וואַלד, אַלע זיינע וועגן, די דערפער אַרום, די גאַנצע סביבה. ער פילט זיך היימיש אין ים פון בוימער. אין די פינסטערע נעכט.

יענקל איז אַ מוסטער־פּאַרטיזאַן; נאָך דער באַפרייאונג גייט יענקל אַרויס פון וואַלד, ער ווערט מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און ער פאַלט אין שלאַכט ערגעץ אין מזרח־פּרייסן. אַ דייטשע מערדערישע קויל האָט איבער דאָס יונגע לעבן פון יענקלען, וואָס איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר.

בערל, יענקלס אַן איינגערער ברודער, אַ בראַווער ווי ער, מאַכט דורך צוזאַמען מיט אונדז דאָס שווערע וואַלד־לעבן אין דעם זעלבן אָטריאַד. נאָך דער באַפרייאונג איז זיין וועג קיין ארץ ישראל, וואו ער האָט אַ שוועסטער. די ענגלענדער פאַרשלעפּן אים קיין קאַפּריסין. פון דאַנען קומט ער קיין ארץ ישראל, וואו ער טרעט תיכף אַריין אין דער אַרמיי.

בערל פאַלט אין נגב, בעתן באַפרייאונגס־קריג (מלחמת השחרור), ער באַוויזט ניט צו זען אַפילו זיין שוועסטער.

אויף די הויפן, אַרום די פּריזבעס פון זייערע כאַטעס און פאַרברענגט געמיטלאך.

יאַנקל גאַלאָפּירט אויף זיין רייט-פערד לענגאויס דעם דאָרף און ער באַפעלט: „אַלע אין די הייזער און צומאַכן די פענסטער״! מאָמענטאַל ווערן די הויפן, די פּריזבעס אויסגעליידיקט פון מענטשן; די באַפעלקערונג פון דאָרף איז אריין אין די כאַטעס און די פענסטער זיינען צוגעמאַכט.

מיר הויבן אָן די „באַמביאַזשקע״. אויף פאַרטיזאַניש לשון הייסט „באַמביאַזשקע״ — אויספירן אַן אָפּראָוויזאַציע-אויפגאַבע. מיר, די זיבן אידן, צעשפרייטן זיך איבער דער לאַנגער דאָרף-גאַס, מיר „זיפּן״ אין די הייזער, אין די שטאַלן, מיר נעמען ברויט, חזירים, שעפסן, בהמות, קעז, פּוטער.

די גויים פון דאָרף וואָלטן אונדז איינציקווייז אויסגעשטיקט, צוזאַמען מיט אונדזערע זיבן ביקסלאך, ווען נישט די מורא פאַר אַ שטראָף פון פאַרטיזאַנער-אָטריאַד, פון וועלכן מיר זיינען אַ טייל.
אין אַזאַ פאַל, וואָס דאָס איז אַזוי גוט ווי אַ בונט קעגן די פאַרטיזאַנער בכלל, וואָלטן צענדליקער הייזער פון דאָרף אַוועק מיטן רויך.

די פאַרטיזאַנער הערשן מיט אַן אייזערנער האַנט. קיין אַנדערע ברירה אין אַזעלכע באַדינגונגען איז פאַר זיי נישט געווען. ובכן, דאָרף מען פון דער „אידן-לאַסט״ באַפרייען די „פּראַוואַסלאַוונע ברידער״; מ׳טאָר ניט פאַרלירן די סימפּאַטיע פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג צוליב אידן.

דער פאַרטיזאַנען-שטאַב וויל זיין געפאַנצערט פון אַלע זייטן, פאָדערט ער עקשנותדיק, אַז די אידן זאָלן פאַרלאָזן „זייער״ וואַלד.

די אידן זיצן איינגעהויקערטע אַרום ברענענדיקע שייטערס, צווישן בוימער אין וואַלד-געטאָ, זיי דערנערן זיך מיט די פאַר קאַר-טאָפל, וואָס זיי גראַבן אויס בגנבה פון די וואָך-פאַסטנס אויף די פאַר-יתומטע פעלדער פון וואָלטשע נאָרי, איינשטעלענדיק אָפטמאָל דאָס

לעבן. זיי וואַרטן אויף אַ נס. און דער נס קומט אין לעצטן מאָמענט, ממש מן השמים — ערב דעם „ברירה״־טערמין פון גירוש אָדער שחיטה — פון פּאַראַשוטיסטן־דעסאַנטן, סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן, שליחים פון מאָסקווע.

מאָסקווע וויל פאַרהיטן, אַז די אַנזאַמלונגען פון מאַסן מענטשן אין די וועלדער זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ווילדער פּאַר־טיזאַנקע, וועלכע עס וועט שווער זיין צו צוימען, קאָנטראָלירן און צופּאַסן צו די סטראַטעגישע צילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי. מאָסקווע שאַצט הויך דעם אינערלאַכן צווייטן פראָנט, וואָס עפנט זיך אין די ריזן־שטחים פון וועלדער, אַ פראָנט פון פּאַרטיזאַנער אין רוקן פון די דייטשן.

מאָסקווע וויל ניט דערלאָזן, אַז אַזאַ ווערטפולע מאַסן־אַנזאַמלונג זאָל זיך צעפאַלן אין באַנדעס. זי וויל זיי האָבן אויסשליסלאך אין איר רשות, אונטער איר השפעה, צו איר באַפעל.

און מאָסקווע האָט „לאַנגע בייטשן״ אַריינצוטרייבן צוריק אין איר אַרביטע די אַלע וואָס מאַכן אָן אַ פּאַניק. די וואָלטשע־נאָרער וואַלד־הערשער, דער פּאַרטיזאַנען־שטאַב, די ראַטע־קאָמאַנדירן, די פּאָליטרוקן — סאָוועטישע בירגער פון צענטראַל־רוסלאַנד — ווייסן פון דעם . . . די לאַנגע בייטשן וועלן אויסזוכן און אויסגעפינען זייערע משפחה־מיטגלידער אין די טיפענישן און ברייטקייטן פון דער גרויסער, רויטער אימפּעריע.

די אויפגאַבע פון די פּאַראַשוטיסטן־דעסאַנטן זאָל זיין: איינ־צושפּאַנען באַצייטנס די מענטשן־אַנזאַמלונגען אין די וועלדער, צובינדן זיי צו די דירעקטיוון פון מאָסקווע און אָפּטויטן די מגפה־מיקראָבן פון הפקרות, פון דעמאָראַליזאַציע.

אָן „אידן־פראַגע״ אין וואַלד איז פאַר די געסט־פּאַראַשוטיסטן פון מאָסקווע געווען לחלוטין פרעמד. אין זייער שליחות־אויפגאַבע האָט מאָסקווע ניט פאָרויסגעזען אַזאַ פּראָבלעם און ניט אָנגעוויזן, ווי אַזוי זיך אויפצופירן אין אַזאַ פאַל. צו אַ לייזונג צו דער „אידן־פראַגע״ גייען צו די פּאַראַשוטיסטן דעליקאַט, פאָרזיכטיק, נישט אויפ־

צורייצן די וואָלטשע-נאַרער וואַלד מושלים, וואָס זיינען אריין אין געשפּאַן און וואָס פאָדערן עקשנותדיק צוליב „זיכערקייטס-טעמים" אַרויסצוטרייבן די אידן פון וואַלד אַלס נישט גערוואונשענעם שעדלאכן עלעמענט.

אַ פשרה-לייזונג פון דער „פראגע", מיט דער „הסכמה" פון די דערנידעריקטע, דערשלאָגענע און פאַרצווייפלטע אידן, באַפעלט: די אידן זאָלן זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער טייל פון וואַלד, צען קילאָמעטער בערך ווייט פון הויפּט-לאַגער, פון די גויאישע פּאַרטיזאַנער.

די אידן באַקומען צוריק עטלאכע ביקסלאך. עס ווערט זיי דערלויבט צו נעמען שפּייז ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג. „איר דאַרפט דאָך עסן און ניט הונגערן" — טענהען די וואַלד-הערשער. די אידן זאָלן אויספירן פאַרשידענע דיווערסיע-אַרבעטן: פאַרברענען בריקן, איבערשניידן טעלעגראַף-דראָטן און אַלס התחלה אויך אַראָפּלאָזן אַ דייטשן צוג פון די רעלסן . . .

די צוויי אידישע מעדיצין-דאָקטוירים בערקאָוויטש (פון באַראַנאָוויטש) און וואלקאָווסקי (פון סלאָנים) און עטלאכע שיינע אידישע מיידלאך באַקומען „פּראָוואָזשיטעלסטווא", די וואָלטשע-נאַרער וואַלד-הערשער פאַרטרייבן זיי ניט . . .

די אידן פירן אויס אַלע אויפגאַבעס. אַ צוג, וואָס זיי, די גויים איז נישט געלונגען אויפצורייסן, איז די אידן יע געלונגען. די גויאישע פּאַרטיזאַנער שטוינען פון אידישן מוט און דרייסטקייט.

אַן אויסשפּירער, אַן אינפאָרמאַציעס פון געהיימע פאַרבינדלער אין די דערפער, און אַן דעקונג פון דער פאַרצווייגטער פּאַטראָלן-נעץ, וואָס שטייט אין רשות פון פּאַרטיזאַנער-שטאַב, באַרויבט פון אַלע זיכערקייטס-מיטלען, אַרומגערינגלט פון אַ בלוטיקן שונא-מערדער מחוץ דעם וואַלד, איינגערינגלט פון שונאים אין וואַלד — ווערן די רעשטלאך פאַרשטויסענע אידן אַריינגעוואָרפן אין תהום פון עלענדקייט, אויסגעשטעלט לכתחילה אויף טויט-געפאַרן, אויף אומקום.

דעם 24־טן דעצעמבער 1942 קומט פאָר אַן אָנפאַל אויפן אידישן לאַגער, וואָס ברענגט 10 קרבנות; דעם 20־טן יאַנוואַר 1943 ווערן אויסגעמאָרדעט 55 אידן; דעם 20־טן מערץ 1943 — איבער 25, און נאָך און נאָך קרבנות, וואָס נאָר די ביימער אין וואַלד ווייסן זייער צאָל.

אין דער זעלבער צייט (תיכף נאָך דער ערשטער אבלאווע), ווערט די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין וואָלטשע נאָרער וואַלד רע־אָרגאַניזירט און איבערגעבויט אויף נייע יסודות. אַלע קליינע און צאָל פּאַרטיזאַנען־גרופּן, מיט זייערע באַזונדערע שטאַבן, ווערן צונויפגעגאָסן און צונויפגעשמאָלצן אונטער איין צענטראַלער אָנפירונג. ס׳בילדעט זיך אויס אַן איינהייטלעכער געשלאָסענער קאַמף־אָטריאַד אונטערן נאָמען „סאוועטסקאיא־בעלארוס" — אַ קאַמף־אָטריאַד, וואָס דינט טריי די אויפגאַבן וואָס מאָסקווע פאַרגיט; אַ קאַמף־אָטריאַד, וואָס קעמפט העלדיש און פאַרביטערט קעגן די דייטשן פון אויסנווייניק, און דער־שטיקט אינעווייניק אין אירע אייגענע רייען די דערשיינונגען פון דעמאָראַליזאַציע און הפקרות.

„סאוועטסקאיא־בעלארוס" פאַרנעמט אַ בכבודיק אָרט אין דער פּאַרטיזאַנען־געשיכטע און אין איר קאַמף קעגן דער מאָרד־מאַשין פון די דייטשע פאַרברעכער. אין דער זעלבער צייט צייכנט זי זיך אויס מיט איר טרויעריקער באַציאונג — אין אַ געוויסער תקופה — צו די אידן אין וואָלטשע־נאָרער וואַלד.

אין הסכם מיטן איינגעפירטן צענטראַליזאַציע־סיסטעם, ווערט ניט דערלויבט די באַזונדערע גרופּן אַרומצושלייכן אין וואַלד, אין שכנותדיקע ווילדער, איבער וועגן און דערפער, און האָבן אַ מגע־משא מיט דער באַפעלקערונג אָן דעם וויסן און קאָנטראָל פון דעם פּאַרטיזאַנעם־שטאַב. די פאַרטריבענע אידן, וואָס זייער פאַרקלענערטע צאָל איז געווען שטאַרק צום געשמאַק פון וואָלטשע־נאָרער פּאַרטיזאַנעם־שטאַב — ווערן צוריק אַריינגעפירט אין לאַגער פון אַלגעמיינעם וואָלטשע־נאָרער פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד.

אַ התחלה פון אַזאַ „דערנענטערונג" הויבט זיך אָן אין די פרילינגס־חדשים פון יאָר 1943. בהדרגהדיק פאַרנעמען צוריק די רעשטלאַך אידן אין וואַלד (עטלאכע און זיבעציק פּערזאָן) זייער בכבודיק אָרט אין געמיינזאַמען קאַמף פון „סאוועטסקאיא־בעלארוס".

דער וואָלטשע־נאָרער פּאַרטיזאַנען־שטאַב, וואָס האָט באַשולדיקט די אידן אין עלילת־דם בלבולים אַלס „דייטשע שפּיאָנען־פאַרעטער"; דער זעלבער שטאַב, וואָס האָט פאַרטריבן די אידן אַלס אַ שעדלאכן

און ניט געוואונטשענעם עלעמענט און האָט אומדירעקט גורם געווען דעם אומקום פון העכער 90 אידישע קרבנות — האָט אַ ווייטן קוק און פאַרשטייט איצט אָנטרויען אויסשליסלאַך אין אידישע הענט אַזעלכע וויכטיקע פונקציעס ווי די באַשפּייזונג פון די שטאַבס-לייט, די שמירה פון קאַנצעליאַריע-אַרכיוו אין שטאַב-ביידל און די נאַכט-שמירה איבער זיי אַליין.

דער שטאַב האָט מורא אָנצוטרויען אַזעלכע וויכטיקע זיכערקייט-פונקציעס צו גויאישע פאַרטיזאַנער, פון וועלכע ס׳קען אַרויסשפּרינגען אַ פאַררעטער. פאַר אַזאַ גוי אַ פאַררעטער זיינען אָפן די דייטשע אָרעמס.

דער פאַרטיזאַנען-שטאַב באַקומט באַגלויבטע ידיעות, אַז די דייטשן מאַכן כסדרדיקע פּרואוון אַריינצושמוגלען אין וואַלד, אין די רייען פון אַטריאַד, אויסגעשולטע שפּיאָנען פון סאָוועטישע קריגס-געפאַנגענע. אין מינסק, אין דער הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד, גרינדן די דייטשן אַ שול פאַר שפּיאָנאַזש, וואו אַזעלכע קריגס-געפאַנגענע ווערן אויסגעבילדעט צום אויספירן פאַרשידענע סאַבאָטאַזש-אַרבעט אין די פאַרטיזאַנישע וועלדער.

פון צייט צו צייט לויפן אַריין אין וואַלד רוסישע מענטשן, וואָס גיבן זיך אָן אַלס אַנטלאָפענע פון קריגס-געפאַנגענע-לאַגערס. דער שטאַב באַציט זיך מיט גרוים חשד צו זיי און גרוים איז די אויספאָרשונג לגבי זיי.

אין אַזעלכע פאַלן איז פאַר די אַריינגעלאָפענע אין וואַלד נישטאָ קיין צוריקוועג. אָדער זיי ווערן איינגעגלידערט אין די רייען פון אַטריאַד, אָדער זיי באַקומען אַ קויל אין קאָפּ. אַ סך פאַרדעכטיקע אין שפּיאָנאַזש זיינען ליקווידירט געוואָרן.

אַ בלוטיקן פּרייז פון פּיין, יסורים, דערנידערונגען, באַליידיקונגען. באַדאַרפן אידן צאָלן פאַר עלילת־דם בלבולים, בכדי דער פּאַרטיזאַנען־שטאַב אין וואַלטשע־נאַרער וואַלד זאָל סוף־סוף פאַרשטיין, אַז אַן איד קאָן ניט זיין אַ דייטשער שפּיאָן, אַז אַ שפּיאָן אין די רייען פון פּאַרטיזאַנען און מחוץ זיי — קאָן זיין נאָר אַ גוי. פאַר גויים זיינען אָפן די וועגן פון שפּיאָנאַזש, ווען זיי ווילן נאָר גיין אין זיי. און זיי גייען . . .

ס׳גייען אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע. ס׳גייען אָרטיקע גויים — פאַרפאָלגטע פון דייטשן טעראָר. זיי קומען אַריין אין וואַלד „דינען" די פּאַרטיזאַנישע צילן, מיט דער כוונה איינצוגלידערן זיך אין אָטריאַד, אויסצולערנען די סודות פון אָטריאַד; באַקענען זיך מיט דעם פאַר־צווייגטן פּאַטרולן־נעץ — מיט די פאַרבינדלער, אויסשפּירער, און אויסצופירן נאָך פאַרברעכערישע שליחותן פון זייערע באַלעבאַטים, די דייטשן, וואָס זייער ציל איז אַרויסצורופן אַ מהומה אין די פּאַרטי־זאַנישע רייען, אַריינצוברענגען אַ דעמאָראַליזאַציע און אַלס פּועל־יוצא — אַן אומצוטרוי פון דער אָנפירערשאַפט צו די פּאַרטיזאַנער און פון די פּאַרטיזאַנער צום שטאַב.

די שפּיאָנען ווערן אַ דאַנק דעם אויסגעצייכנטן קאָנטער־שפּיאָנאַזש־אַפּאַראַט פון אָטריאַד „סאַוועטסקאַיאַ־בעלאַרוס" אַנטדעקט, אויסגעכאַפּט, און ליקווידירט אויפן שוועל פון זייערע פאַרברעכנס.

דאָך פאַסירן עטלאַכע שווערע פאַלן פון פאַרראַט, און נאָר על פּי נס ווערן אויסגעמיטן אומגליקן און גרויסע מענטשן פאַרלוסטן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען.

אין די זומער חדשים 1943 איז געווען אַזאַ פאַל: אַ פּאַרטיזאַן האָט געוואָלט אומברענגען דעם שטאַב פון ניי־געגרינדעטן אָטריאַד א. נ. פון ראַקאַסאָווסקי.

זשאַמע אָסטראָווסקי (איצט אין היפה) פון דער אידישער גרופּע דערקענט צווישן די אָנגעלאָפענע אין דער „ראַקאַסאָווסקי־בריגאַדע" אַ גוי פון סלאָנים, וואָס ער קען אים אַלס פאַרדעכטיקע פּערזאָן נאָך פון די צייטן פון דער פּוילישער הערשאַפט. זשאַמע מעלדעט וועגן דעם אין שטאַב.

דער „פּאַרטיזאַן" באַמערקט, אַז מען שפּירט נאָך אַלע זיינע באַוועגונגען, ער קען אַ ליאַדע מינוט אַרעסטירט ווערן — געפינט ער אין דער לעצטער מינוט אַ פּאַסיקן מאָמענט אַריינצוּוואַרפן אַ האַנט־גראַנאַט אין דער גרופּע שטאַבס־לייט, ווען זיי זיצן אויפן גראָז צווישן די בוימער און עסן מיטאָג.

דער האַנט־גראַנאַט רייסט אויף. צום גליק זיינען נישטאָ קיין קרבנות. צוויי קעבינס, יונגע קריסטנס, ווערן פאַרוואונדעט. דער „פּאַרטיזאַן" פאַרשווינדט צווישן די בוימער אין וואַלד. הונדערטער באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער זוכן אים אַרום, ס׳ווערן אַלאַרמירט אַלע פּאַטרולן אויף אַלע וועגן, דאָס געיעג נאָך אים דויערט שעהן לאַנג, אָבער אָן רעזולטאַט.

די וואַכזאַמקייט פון זשאַמע אַסטראָווסקי האָט פּאַרהיט פון אַ גרויסן אומגליק, צונישט געמאַכט אַ ברייט־פאַרצווייגטן פּלאַן אומ־צוברענגען דעם שטאַב פון דער „ראַקאָסאָווסקי־בריגאַדע" און — ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן — דעם שטאַב פון „סאָוועטסקאַיאַ־בעלאַרוס".

אַ צווייטער פאַל פּאַסירט אין מערץ 1944, ווען דריי פּאַרטיזאַנער־קריסטן פון אונדזער אָטריאַד „סאָוועטסקאַיאַ־בעלאַרוס" גייען אויספירן אַן אויפגאַבע און זיי פאַלן אַריין אין אַ דייטש־פּאָליציייאישן לויערונגס־פּונקט, וואָס ליגט פאַרשטעקט צווישן בוימער אויפן גויאישן „מאָגילנקי" (גויאישער בית־הקברות„ אַ האַלבער קילאָמעטער פון ביטען. זיי ווערן אַרומגערינגלט. צוויי פון די דריי באַוויזן צו דערשיסן זיך מיט זייער אייגענער געווער. דער דריטער, סטראַקאָוויטש, ווערט גענומען אַ לעבעדיקער פון די דייטשן.

די ערשטע טעג נאָך דער טראַגישער פּאַסירונג, נישט האָבנדיק קיין ידיעות פון סטראַקאָוויטשעס גורל, איז דער שטאַב ביי דער מיינונג, אַז די דייטשן האָבן אים אומגעבראַכט. די געשיכטע ווערט פאַרגעסן. דער שטאַב נעמט ניט אָן די פאָרזיכטמיטלען, נויטווענדיקע בעת מען נעמט געפאַנגען אַ פּאַרטיזאַן, וואָס זייער ערשטער געבאָט איז: ביימן דעם אָרט פון לאַגער.

אָבער ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, ווערט סטראַ־קאָוויטש מוראדיק געפּייניקט דורך דער געסטאַפּאָ. די דייטשן פאָדערן פון אים, ער זאָל זיי פירן אין וואַלד צו די לאַגערן פון אַטריאַד דורך וועגן, וואָס זאָלן אויסמיידן אַלע צעשטעלטע פּאַרטיזאַנישע געהיימע פּאַטרולן, בכדי צו מאַכן אַ פּלוצעמדיקן איבערפאַל אויפן אַטריאַד.

סטראַקאָוויטש ברעכט זיך צוזאַמען; ער פירט זיי דורך אַ טויבער וואַלד־סטעזשקע, וואו עס זיינען ניט אויסגעשטעלט קיין פּאַטרולן, ער פירט זיי צום לאַגער, וואָס ליגט האַרט ביי דער טריבע. אין לעצטן מאָמענט באַמערקט דער קאַראול־פּאָסטן (דער שרייבער פון די שורות איז דאַן געשטאַנען אויף דעם פּאָסטן) די דייטשע טאַנקן בוכשטעבלאַך עטלאכע הונדערט טריט פון אים. דער פּאָסטן סיגנאַליזירט מיט דריי ביקסן־שאָסן, וואָס דאָס באַטייט אַ דירעקטע געפאַר, וואָס עס דראָט דעם אַטריאַד.

די דייטשן עפענען אַ מעכטיק פייער. דער אַטריאַד טרעט אָפּ אין די זומפּיקע וואַלד־טיילן, איבערלאָזנדיק דעם טויטן און לעבעדיקן אינווענטאַר — די בהמות, פערד, שעפּסן און דאָס איינאונציקע קליינע האַרמאַטל, וואָס מיר האָבן געהאַט. קיין מענטשלאַכע פאַרלוסטן זיינען אין אונדזערע רייען ניט געווען. דאָס איז בפירוש געווען אַ גרויסער נס.

סטראַקאָוויטש איז ניט געווען קיין פאַררעטער. ער איז געווען אַ גוטער פּאַרטיזאַן. דאָך ווערט ער פון פּאַרטיזאַנען־שטאַב באַצייכנט אַלס בוגד, נישט געקוקט דערויף, וואָס גלייך נאָכן אָנפאַל דערשיסן אים די דייטשן.

מיט אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער, ווערן די צוויי ברידער, אברהמל און נח ראַוויצקי, ביידע פון לעסנאַיאַ, און זייער חבר מענדל גאַלינסקי פון די כאַטשער כוטאָרס, אַרומגערינגלט פון 80 דייטשן (אין די באַ־סיינער כוטאָרעס, אין געגנט פון לעסנאַיאַ, 40 קמ. ווייט פון דער באַזע פון אַטריאַד).

די דריי אידישע בחורים זיינען געווען אין שליחות פון שטאַב צו ברענגען אויפריים מאַטעריאַל. נישט האָבנדיק קיין אויסוועג און

נישט וועלנדיק אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט, שטעקן אריין די דריי בחורים זייערע רעוואָלווערן אין די אויערן און דערשיסן זיך.

דער פאַרטיזאַנען־שטאַב פון „סאָוועטסקאַיאַ־בעלאַרוס" באַצייכנט די דריי בחורים אַלס העלדן: „אַזוי האַנדלען אמתדיקע פאַרטיזאַנער, וואָס לאָזן זיך ניט פאַנגען. מיט זייער העלדישן טויט פאַרהיטן זיי אונדזערע לעבנס. כבוד זייער אָנדענק! דער גאַנצער אַטריאַד בייגט די קעפּ פאַר די העלדן".

ווי גרויס ס׳איז געווען דער צוטרוי פון שטאַב צו דער אידישער גרופּע, באַווייזט פאָלגענדער פאַקט: ווען עס באַקומט זיך אַ פאַר־טרוילאכע ידיעה, אַז עס דרינגען אַריין אין וואַלד אַ צאָל שפּיאָנען, כדי אָפּצוספּען די וואַסער־ברינעמער — ווערט דער ברונעם, וואָס באַדינט מיט זיין וואַסער די קיך פון שטאַב און זיינע רייטפערד, אָנפאַרטרויט אויסשליסלאך דער אידישער גרופּע. דער ברונעם ווערט גוט פאַרזיכערט (אויסשליסלאך דורך אידישע הענט), זאָרגפעליק פאַר־שטאָפּט מען אים אַלע שפּאַלטן און ער ווערט איינגעדעקט מיט אַ דעק צום פאַרשליסן. דער שליסל פון ברונעם — לויט אַ באַפעל פון שטאַב — ווערט איבערגעגעבן דעם סטאַרשינאַ (עלטסטן) פון דער אידישער גרופּע, דעם איד זשאַמע אַסטראָווסקי.

די צוויי גויאישע קעכינס פון שטאַב, ביים יעדן מאָל וואַסער שעפּן; די שטאַל־באַדינער, ביי יעדן מאָל אָנטרינקען די רייט־פערד פון נאַטשאַלסטוואָ — פלעגן זיך מעלדן צו זשאַמען. זשאַמע פלעגט גיין מיט זיי, אויפשליסן דאָס טירל פון ברונעם, וואַרטן ביז זיי פלעגן אָנשעפּן וואַסער, פאַרשליסן דעם צודעק און דעם שליסל פאַרשטעקן אין זיין קעשענע. אַזוי איז געווען טאָג־טעגלאך, אַ לענגערע צייט, ביז דער שכנותדיקער אָטריאַד א. נ. „ראקאסאווסקי־בריגאַדע” אַנט־דעקט און כאַפּט די שפּיאָנען־אַריינדרינגלער.

אַ פּרעמיע פון צוואַנציק טויזנט מאַרק באַשטימען די דייטשן פאַרן קאָפּ (אַ לעבעדיקן צי טויטן) פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר „סאָוועטסקאַיאַ־בעלאַרוס”. אַזאַ מעלדונג איז פאַרעפנטלאכט געוואָרן אין דער לאָקאַלער ווייסרוסישער און דייטשער פרעסע.

ווי דערמאָנט, ווערט איבערגעגעבן און אָנפאַרטרויט אין די הענט פון דער אידישער גרופּע די נאַכט־שמירה איבער די שטאַב־לייט. אין דער נאַכט־שמירה איז דער אידישער „דניעוואַלני” (שומר) אין אַ געוויסער מאָס אויך אַ פאַרבינדלער צווישן די שטאַב־לייט און אַלע זיכערקייטס־אָרגאַנען פון אָטריאַד.

די רייטער־אויסשפּירער, דער נאַטשאַלניק־קאַראול, די ראָטע־קאָמאַנדירן, „פּאַליטרוקן” — מוזן זיך פריער מעלדן צום „דניעוואַלני”,

ער זאָל איבערגעבן דעם קאָמאַנדיר, אַז זיי ווילן אים זען און איבער־געבן וויכטיקע ידיעות, וואָס זיינען נוגע די זיכערקייט פון אַטריאַד.

דער אידישער „דניעוואַלני" קריכט אַריין איןביידל פון קאָמאַנדיר, וועקט אים אויף פון שלאָף און מעלדעט: „טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר, דערלויבט מיר זיך מעלדן צו אייך, ס'ווילן אייך זען די און די".

די דערלויבעניש ווערט געגעבן און זיי גייען אַריין. אַזאַ שטרענגע פּראָצעדור ביים שטאַב-ביידל ווערט אָנגעווענדעט נאָר אין די נאַכט־שמירה שעהן.

דער באַפעל צום אידישן „דניעוואַלני", ווען ער נעמט איבער די שמירה, זאָגט: „ווען עמיצער, ווער ס'זאָל נישט זיין, דערנענטערט זיך צום שטאַב-ביידל אין די נאַכט-שעהן, מעלדעט זיך ניט צום „דניעוואַלני" און קען ניט דעם פּאַראָל, און פאָלגט נישט דעם באַפעל פון „דניעוואַלני": „בלייב שטיין אויפן אָרט. ווער ביסטו?" — אַזעלכן דערשיס אויפן אָרט, ווייל ער איז אַ פאַררעטער!".

דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו זיין „דניעוואַלני" ביים שטאַב-ביידל; צו שטיין שעהן לאַנג אין פינסטערע נעכט, און זיך צוהערן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן צו יעדן שאָרך, צום שטילסטן גערויש, וואָס גנבעט זיך אַריין אין דער פינסטער־ניש, האַרט ביים ביידל.

פון אַן אַריינגעגאַנבעטן גערויש קאָנען ווערן העגט פון אַ פאַר־רעטער, וואָס פלעכטן אַרום דעם האַלדז פון אידישן „דניעוואַלני", דערשטיקן אים און וואַרפן אַריין אַ גראַנאַט אויף די שלאָפנדיקע שטאַב-לייט.

און דער וואַלד רוישט, ווינטן בלאָזן, צווייגן קושן זיך און שלאָגן זיך איינער מיט דעם אַנדערן. אין דעם רויש איז שווער אויף צוכאַפּן פרעמדע טריט.

אַ בלוטיקן פּרייז האָבן אידן געמוזט צאָלן פאַר עלילת-דם בלבולים, ביז דער פּאַרטיזאַנען-שטאַב אין וואַלטשע נאָרער וואַלד האָט

פאַרשטאַנען, אַז אַן איד קען נישט זיין אַ דייטשער שפּיאָן — און זיי טרויען אָן זייערע קעפּ אין אידישע הענט . . .

אָפיציעל פיגורירט די אידישע קאַמפּס-גרופּע א. נ. „כאַזייסטווענני ווזוואָד", נישט אָפיציעל רופט מען זי „יעווריעיסקאַיאַ גרופּא". די אידישע גרופּע איז ניט איינגעטיילט צווישן די ראָטעס פון אָטריאַד. זי איז אַ זעלבסטשטענדיקע און אונטערגעוואָרפן דירעקט דעם שטאַב (דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע ב. י. געפינט זיך איצט אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות").

די קליינע אין צאָל אידישע קאַמפּס-גרופּע (48 מאַן, אין דעם 4 פרויען) פאַרמאָגט פאַרהעלטנמעסיק אַ גרויסע צאָל פאַכלייט און אין משך פון אונדזער וואַלד-לעבן פירט זי אויס לעבנס-פונקציעס וויכטיקע פאַרן אָטריאַד.

אין שניידער-וואַרשטאַט (אַ סוכה צווישן בוימער באַדעקט מיט צווייגן) אַרבעטן 5 מאַן, אין דעם צוויי פרויען. אין שוסטער-וואַרשטאַט — 3 מאַן. פאַראַן 1 זאָטל-מאַכער, 1 היטל-מאַכער, אַ וואורשטן-פאַכמאַן, אַ שמיד-שלאָסער — ראובן דיטקאָווסקי (איצט אין רמת יצחק), ער איז אַ מומחה צו רעמאָנטירן געווער, און 1 בלעכער. די אויסגערעכנטע וואַרשטאַטן ווערן אָנגעפירט פון אידן און, די פאַכלייט זיינען אויס-שליסלאַך אידן.

באַקליידן און באַשוכן די פאַרטיזאַנער, אונטערשמידן און באַזאָטלען די רייט-פערד פון שטאַב, פון די ראָטע-קאָמאַנדירן און פון די רייטער-אויסשפירער, אויספּאַרטיקן בלעכענע אייוועלאַך צום באַהייצן ווינטער די „זעמליאַנקעס" — דאָס אַלץ איז געווען פון אַן ערשטקלאַסיקער באַדייטונג פאַרן געזונט פון די פאַרטיזאַנער אין די שווערע וואַלד-באַדינגונגען. חוץ דעם זיינען 8 פערזאָן באַשעפטיקט 24 שעה אין מעת-לעת אין „קאַראול", 4 — אין „סעקרעטנעם" קאַראול, 2 — אין „דניעוואַלניע" (שמירה) ביים שטאַב (אין די נעכט), 2 — 24 שעה אין מעת-לעת ביים קאַנצעליאַריע-ביידל, אין קיך אַרבעטן צוויי פרויען. עס זיינען אויך פאַראַן צוויי יונגע אידישע מעדיצין דאָקטוירים: וואָלקאָוויסקי — אַ פּליט פון סלאָנים און, ליאַלעק

בערקאָוויטש פון באַראַנאָוויטש. ד"ר וואַלקאָוויסקי איז אַ האַרציקער אידישער פאָלקס-מענטש, מיט מיטגעפיל צו קראַנקע.

אין די שווערע וואַלד-באַדינגונגען געפינט וואַלקאָוויסקי וועגן און מיטלען צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן גורל פון די קראַנקע. חוץ דעם איז ער אין געוויסע מאָמענטן אַן „אינפאָרמאַציע-ביוראָ" וועגן דער לאַגע אין אַרומגערינגלטן וואַלד. אין די זומער-חדשים 1943 ווערט ד"ר וואַלקאָוויסקי צוגעטיילט צו אַן אַנדער אָטריאַד, אין אַן אַנדערן וואַלד, ווייט פון וואָלטשע-נאָרי און, מיר האָבן אים זייט דאַן נישט מער געזען.

אונטערן פרייען הימל און אויפן גראָז צווישן קוסטעס, אין אַ פּאַרלייזיקטביידל, אויפן פּאַרלייזיקטן אונטערבעט פון צווייגן און שטרוי, ווערן אָפּגעווישט מחיצות פון אידישער צניעותדיקער טהרת־משפחה.

אַ מוטער־טראַכט וואַרפט אַרוים אויפן פּאַרלייזיקטן געלעגער אַ נייגעבוירן נפשל, וואָס מיט זיין דערשיינען אין דער וועלט פון בוימער ווערן אים שונאים דיביידלאַך־איינוואוינער.

דאָס עלנטע נפשל ווערט אומגעבראַכט אין די ערשטע טעג פון זיין באַווייזן זיך.

קאַלט־אכזריותדיק איז די אויסרעכענונג: אַלע טאָג קאָן קומען די אבלאַווע. מ׳וועט לויפן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן געדיכטע קוסטעס, אויף בוימער, צווישן געדיכטע באַבלעטערטע צווייגן, אין צוגעגרייטע „סכראָנעס״ הינטער בוימער, אין זומפּן צווישן הויכע ווילדע שטעכיקע גראָזן. דאָס עופהלע איז אַ לאַסט, אַ שטערונג, אַ שונא, אַן אומגליק.

דאָס נפשל מיט זיין געוויין אַנטפּלעקט די באַהעלטענישן, די אייגענע לעבנס. דאַרף מען זיך ראַטעווען.

אין דער ערשטער אבלאַווע אין סעפּטעמבער 1942, בעת די דייטשן זיפּן דורך סיסטעמאַטיש די קוואַרטאַלן אין וואַלד, גייען זיי פאַרביי אַ געדיכטן קוסטאַרניק, נישט חושד זייענדיק, אַז ס׳צאַפּלען זיך דאָרט לעבנס אין טויט־שרעק. דערווייטערנדיק זיך עטלאַכע צענדליק טריט, דערהערן זיי אַ געוויין פון אַ קינד. זיי קערן זיך אום און הרגענען אוים די 19 אידן וואָס ליגטן דאָרט פאַרשטעקט.

דאָס אומגליק מיט די 19 איז אַן אָנזאָג פון אַ ביטערן גזר־דין אויף די קינדערלאַך וואָס לעבן נאָך, וואָס וויינען, וואָס זייער פיינלאַכער הונגער שרייט אַרוים פון קוסטאַרניקעס, פון זומפּן, פון ווילדע גראָזן. און די אבלאַווע ציט זיך טעג, נעכט, אין הונגער, אין דאָרשט.

דער וואַלד איז באַלאַגערט פון אויסווייניק, אַרומגערינגלט פון אינעווייניק. צווישן די לויערונגען אויף די וואַלד־וועגן, צווישן צעשטעלטע פאַרמאַסקירטע טויט־פּאַסטקעס, אונטער אַ האָגל פון קוילן — לויפן הין און צוריק אין טויט־בהלה הונגעריקע צעטומלטע

גרופּקעס אידן, פון איין פּייער אין צווייטן, פון באַהעלטעניש צו באַהעלטעניש.

ס׳לויפט פּוסטריט נאָך זיי דער טויט. צעיושעטע דייטשן ריטשען ווילד זעענדיק זייערע קרבנות אַרומלויפן צווישן די ביימער, זעענדיק ווי לעבנס ווערן אונטערגעהאַקט.

ס׳לויפט אַן אידישע מאַמע מיט אַ וויינענדיק קינד אין אירע אָרעמס. אַ גרופּקע לויפנדיקע צעטומלטע אידן פּאַרטרייבן זי פון זיך, לויפט די אידישע אלמנה־מאַמע נאָך די צעטומלטע אידן פון דער ווייטנס, מ׳פּאַרטרייבט זי ווידער. „מיר ווילן ניט אומקומען צוליב „אים״ . . . די פאַרצווייפלטע מאַמע זעט ווי די גרופּקע אַנטלויפט פון איר, ווי זיי ווילן זיך אויסבאַהאַלטן פון איר. אַליין, מיטן וויינענדיקן קינד, וועט זי בלאָנדזשען אין דער פינסטערער נאַכט, אין פינסטערן וואַלד, אַ געיאָגטע פון דייטשע מערדער, אַ פּאַרטריבענע פון די אומגליקלאַכע אידן.

אין די אכזריותדיקע וואַלד־באַדינגונגען, אין געראַנגל פאַרן לעבן און אין שאָטן פון טויט, אין הפקר־לעבן פון רויב, רציחה, וואַדקע און פרויען פלייש, אין די כסדרדיקע באַרירונגען מיט די דייטשמיליטערישע און פּאָליצייאישע גאַרניזאָנען, ווערן לעבנס ביליק; ביליק איז דיין אייגן לעבן, ביליק דאָס לעבן פון חבר־מיטקעמפער, דיין לעבן איז אָפטמאָל אָפּהענגיק פון גוטער אָדער שלעכטער שטימונג פון דיין „נאַטשאַלסטווע״. אין דעם ברוטאַלן לעבן ווערט אויך פאַרגרעבט די טאָג־טעגלאַכע שפּראַך פון די וואַלד־מענטשן.

יונגע אידישע פאַרטיזאַנער לערנען זיך גיך אויס פון זייערע גויאישע חברים אַ זאַפּטיקע, רוסישע סאָלדאַטסקע קאַזאַרמע־שפּראַך — אַ ווערטער־בוך פון ניבול־פּה, יעדעס וואָרט ווערט באַגלייט מיט אַן „אין־דער־מאַמען־אַריין״ . . .

אין וואָלטשע־נאָרי וואַלד איז די אַמאָליקע נאָרמאַלע מענטשלאַכע שפּראַך אַ לאַסט. מען באַדאַרף זי דאָ נישט, זי איז ניט נויטיק. אַ מענטשלאַכע שפּראַך אין וואָלטשע־נאָרער וואַלד איז אין אַ שרייענדיקער סתירה צו די ניט־מענטשלאַכע באַדינגונגען.

* * *

אַ סך חסדים טוט מיט אונדז דער גוטער רחמן־וואַלד. אַלע זיינע אוצרות שטעלט ער אין אונדזער רשות; ער גיט אונדז אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ היים און אַ בכבודיק אָרט אין קאַמף קעגן אַ פינסטערער קראַפט.

ער גיט אונדז זיינע צווייגן צו פלעכטן פון זיי ביידלאַך, ער לאָזט אַראָפּשינדן די קאָרע פון זיינע קינדער־בוימער איינצודעקן מיט זיי די ביידלאַך, ער גיט אַ שפע טרוקן ברען־האָלץ פאַרן „אש־תמיד" פון ברענענדיקע שייטערס — די „קלובן" פון פאַרטיזאַנער, אַרום וועלכע מיר וואַרעמען זיך, לויזן זיך און טריקענען אונדזערע אויס־געווייקטע שמאַטעס־מלבושים פון די רעגנדיקע טעג און רעגנדיקע נעכט — נאָכדעם, ווי מיר קומען צוריק פון אויפגאַבעס אין ווייטע סכנותדיקע וועגן, פון פּאַטראָלירן 12 שעה אָן איבעררייס אויף געהיימע ערטער, ווייט פון לאַגער.

אויך אַ שמאָל טייכל זויבערדיק־קוואַל־וואַסער פאַרגעסט ניט דער וואַלד אַדורכשלענגלען לענגאויס אונדזערע באַזעס.

דעם גרעסטן חסד פון אַלע זיינע חסדים טוט דער וואַלד מיט אונדזערע קראַנקע. דער וואַלד דערלאָזט ניט די קראַנקע שטאַרבן. ער פאַרטרייבט דעם טויט פון זיי. דער וואַלד ווייסט ווי צו היילן די מחלות פון זיינע קראַנקע בירגער מיט וואונדערלאַכע, געהיימנים־פולע מעדיקאַמענטן, וואָס גייען איבער בירושה צו אים פון זיינע זיידעס — אוראַלטע וועלדער פון ימי־בראשית.

דער וואַלד היילט זיינע איינגעבוירענע אָן דער הילף פון דאָקטוירים און רעצעפּטן.

און דער גרויסער רחמן־וואַלד היילט אויך אונדז, די „אורחים", וואָס האָבן זיך אַריינגעפּלאָנטערט אין אים צו געפינען אַ מקום־מקלט צווישן זיינע מיליאָנען בוימער — פאַר אונדזערע גערודפטע לעבנס.

אַ טיפוס־עפּידעמיע ברעכט אויס אין וואָלטשע־נאָרער וואַלד און האַלט אונטער אירע טויט־פליגלען אין משך פון 6 חדשים (נאָוועמבער 1943 — אַפּרעל 1944) די אידישע קאַמף־גרופּע, דעם אידישן פאַמיליע לאַגער, דעם אַטריאַד. אין די באַדינגונגען, ווען

מענטשן פיבערן אין דער שרעקלאכער מחלה, מער ווי צוואַנציק טעג, איז די איינציקע מעדיצין געווען אַ ביסל געקאָכט וואַסער און אַ ברויט-„סוכאַר״. 42 פּערזאָן פון די 48, וואָס ס׳ציילט די אידישע קאַמף-גרופּע, ווערן קראַנק אויף טיפוס אין משך פון די 6 מאָנאַטן — זיי ווערן אַלע צוריק געזונט. דער שרייבער פון די שורות איז איינער פון די 6 וואָס האָבן „נישט געוואָלט״ קרענקען.

די טיפוס-קראַנקע פון אידישן פאַמיליען-לאַגער פון אטריאַד ווערן געזונט. קיין איינער איז ניט געשטאָרבן — ווי אומגלויבלאך דאָס זאָל ניט זיין. דער וואַלד היילט. דער וואַלד היילט דעם פּאַרטיזאַן פון זיינע פאַרונקלען, געשווירן, ער היילט וואונדן פון קוילן, וואָס האָבן צעריסן זיין פלייש.

אין „כירורגישן-זאַל״ פון וואַלד, צווישן בוימער אונטערן פרייען הימל, אויף אַ „כירורגישן-טיש״ פון פיר פּלעקענער מיט ברעטער, אַסיסטירט פון וואָלקנס קאַמאַרס (מאַסקיטאַס), שטייט אַ דאָקטער. אין זיין האַנט האַלט ער אַ גרויס קיך-מעסער און ער האַקט אָפּ עלף הענט פון עלף פּאַרטיזאַנער, פאַרוואונדעטע אין שלאַכטן, און אַ פוס פון אַ צוועלפטן פּאַרטיזאַן. נאַרקאָז-מיטלען האָט דער דאָקטער ניט געהאַט. (אַ גרויסער טייל פון די צוועלף זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ שלאַכט, ווען אונדזער אטריאַד האָט אַטאַקירט אַ דייטשן פּאָליציייאישן גאַרניזאָן אין דאָרף סאַסנאַווקאַ. אין יענער שלאַכט זיינען געפאַלן אונדזערע 23 מאַן).

די בלוטיקע שטיקלאַך אָרעמס בינדט דער דאָקטער אַרום מיט ניט-סטערעליזירטן גראָבן פויערשן לייוונט. ס׳איז ניט געווען קיין איין פאַל פון אַן אינפעקציע, אָדער בלוט-פאַרגיפטונג. די 12 פּאַרטיזאַנער ווערן געזונט. אומגלויבלאך? ס׳איז אָבער אַ פאַקט! דער וואַלד היילט.

דער וואַלד שטעלט אין רשות פון זיינע קראַנקע בירגער גע-היימניספולע כוחות פון ווידערשטאַנד און פאַרהיטונגס-מיטלען. דער גרויסער רחמן-וואַלד ווערט אַ שותף צו אונדזער קאַמף קעגן אַ גרויזאַמען שונא-פאַרברעכער קעגן אַלע געזעצן — אַ מערדער פון אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער, פרויען, קינדערלאַך, קעגן מערדער פון אונדזער אידישן פאָלק.

דער אָנהייב פון דער טיפוס-עפּידעמיע קומט פון דער אידישער קאַמף-גרופּע. צום מזל ווערן ניט אַלע פון דער גרופּע קראַנק מיט איין מאָל. דאָס גיט אַ מעגלאַכקייט, ביי גרויסע אָנשטרענגונגען פון די „געזונט-געוואָרענע" און געזונטע, צו אַרבעטן „איבער-שעהן", בכדי איינצוהאַלטן די אונדז-אָנפאַרטרויטע פּלעצער אין קאַראול, די „דניע-וואלסטווא" ביים שטאַב, און צוצושטעלן די אפּראָוויזאַציע-נאָרמעס פאַר נאַטשאַלסטווע און די האַבער-נאָרמעס פאַר זייערע פערד.

מען מוז איינהאַלטן די פּאָזיציעס און אויסבאַהאַלטן פון שטאַב ווי ווייט מעגלאַך די גרויסע צאָל פון אונדזערע קראַנקע, בכדי נישט צו געבן אַ פּתחון-פּה דעם שטן, אַז „אַלע צרות קומען פון אידן און אַלע אומגליקן ברענגען די אידן".

„איינהאַלטן די פּאָזיציעס" אין משך פון עטלאַכע חדשים, וואָס דער טיפוס האָט געבושעוועט, מיט 42 אויסגעקרענקטע, אויסגעדאַרטע, „געזונט-געוואָרענע" טיפוסניקעס, וואָס שטייען קוים אויף די פיס, וואָס לערנען זיך גיין, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, וואָס דאַרפן שטיין און וואַך זיין 12 שעה נאָכאַנאַנד אין שנייאיקן פעלד, אויף אַ פּאַר-שנייטער „פּאַטרולקע" — איז געבונדען מיט פיזישע יסורים און איבערמענטשלאַכע אָנשטרענגונגען.

די „געזונט-געוואָרענע" פלעגט מען ברענגען צופירן צו די פּאַטרולן אויף אַ שליטן אָדער וואָגן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר אַ ווינטער-מאַכט אויף אַזאַ געהיימער פּאַטרולקע. מיין פּאַרטנער איז נח ראַוויצקי — אַ קליינוויקסיקער, אויסגעמאָגערטער 21 יעריקער בחורל, וואָס איז ערשט מיט עטלאַכע טעג צוריק „געזונט" געוואָרן פון טיפוס. ער האַלט זיך קוים אויף די פיס. איך זאָג צו נחן: „דו קאָנסט זיך אויסרוען, לייג זיך אויף די טרוקענע צווייגן, איך וועל פאַרמאַסקירן אַ קליינעם שייטער און דו וועסט זיך אויסוואַרעמען. . . איך וועל וואַכן די גאַנצע 12 שעה, איך וועל היטן, דו דאַרפסט מיך נישט בייטן".

נח שלאָפט איין אין אַ האַרטן שלאָף. דער וואַלד רוישט . . . שטענדיק רוישט דער וואַלד. די לאַגע איז גראַד אַן אָנגעשטרענגטע; די דייטשן גרייטן עפּעס — אַזעלכע ידיעות באַקומט דער שטאַב.

„וואַכזאַם קוקן״ — איז געווען דער באַפעל — „דער שונא קאָן זיך אַריינגנבענען צווישן די בוימער, ליקווידירן די וואַכן אויף די פּאַטרולקעס, און די וועגן צום לאַגער וועלן פאַר אים זיין אָפן... וואַכזאַם קוקן! וואַכזאַם זיך צוהערן צו יעדער גערויש״...

דער וואַלד רוישט, צווייגן ברעכן זיך, איך הער טריט... איך שריי אויס: ווער גייט? שטיין בלייבן אויפן אָרט! פּאַראָל!

ס׳פאַלט אַן ענטפער: „דאָס זיינען מיר — דער נאַטשאַלניק פון שטאַב און דער צווייטער איז פאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר״.

איך שפּרינג צו צו נחן, איך וועק אים, ער שלאָפט... די טריט דערנענטערן זיך, און דער טויט איבער נחן דערנענטערט זיך, אויב זיי וועלן אים געפינען שלאָפנדיק.

בליץ-שנעל גיב איך אים מיט מיין פוס אַ זעץ אין ביינערדיקן גוף וואָס שלאָפט, איך גיב אַ צווייטן זעץ אין הויפן ביינער, נח וועקט זיך אויף... זיין לעבן איז געראַטעוועט. די קאָנטראָל-אינספּעקטאָרן גייען זייער ווייטערדיקן וועג, צו ווייטערדיקע פּאַטרול-קעס.

נח שלאָפט צוריק איין און ער קרעכצט אין שלאָף פון די ווייטיקן, פון שטאַרקן זעץ וואָס איך האָב אים „מנדב״ געווען.

מיט עטלאַכע חדשים שפּעטער פאַלט נח ווי אַ העלד אין קאַמף מיט דייטשן, אין זעלבן קאַמף פאַלט מיט אים זיין ברודער אברהמל און זיין חבר מענדל.

ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט, איז געווען אַ באַשלוס פון שטאַב צו דערשיסן די ליגנדיקע טיפוס-קראַנקע, איינשליסנדיק די קראַנקע גויאישע פּאַרטיזאַנער, וואָס וועלן נישט קאָנען מיטלויפן מיטן אָטריאַד, אין פאַל ווען ס׳זאָל אָנשפּרינגען אַן אבלאַווע. מיטנעמען זיי איז געווען אַן אוממעגלאַכע זאַך. מ׳האָט זיי געזאָלט דערשיסן, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פון די דייטשן און זיין געצוואונגען אַרויסצוגעבן סודות פון אָטריאַד.

אין דעם אכזריותדיקן קאַמף מיט אַן אכזריותדיקן שונא זיינען נישט געווען קיין סענטימענטן.

מיט דער באַפרייאונג פון וואַלד, אין יולי 1944, ווערן די גע־
וועזענע טיפוס־קראַנקע מאָביליזירט אין דער רעגולערער סאָוועטישער
אַרמיי. זיי קעמפן ווייטער קעגן זעלבן בלוטיקן שונא. דער גרעסטער
טייל פון זיי פאַלט אין די שלאַכטן. זייערע ביינער ליגן צעזייט אויף
די פעלדער פון אַנטיסעמיטישן פוילן, אויף די פעלדער פון דער אויף־
אייביק־פאַרשאָלטענער, טמאדיקער דייטשער ערד.

מאַי, יוני, יולי, 1944.

דער דייטשער בלוטיקער טיגער, הגם ער איז שוין שטערבלאַך פאַרוואונדעט — זייט טויט און חורבן אויף זיין צוריקוועג פון דער רוסישער ערד. דער פראָנט דערנענטערט זיך צו אונדזערע מקומות. מיר וואַרטן אָפּ מיט אומגעדולד דאָס באַפרייט ווערן.

24 מאָנאַטן איז וואָלטשי-נאָרי וואַלד געווען פאַר אונדז אַ היים, אַ מקום-מקלט, אַ פעסטונג געשטורעמט פון „אבלאַוועס" און — אַ גרויסער בית-הקברות פון געפאַלענע חברים, פון אומגעקומענע אידן.

זומערס און ווינטערס, גרינע גראָזן און פאַרשנייטע פעלדער, בוימער אין וואַלד, קוסטעס, טריבעס, וועגן, שטעגעלאַך — ווייסן צו דערציילן פון פיין און יסורים, פון גסיסה-קרעכצן, פון אַן אַ צאָל שווידערלאַכע מענטשלאַכע דראַמעס, פון אַן אַ צאָל בלוטיקע טראַגע-דיעס, פון אָפּגעהאַקטע אידישע לעבנס, פון גרויסן אומגליק, וואָס וויקלט איין מיט אַלע מיתות-משונות די רעשטעלאַך פון אויסגעקוילעטע אידישע קהילות.

מיר וואַרטן אומגעדולדיק, באַפרייט צו ווערן פון די שווערע וואַלד-באַדינגונגען און ס׳שרעקן נייע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונדז ערב דער באַפרייאונג מצד דעם בלוטיקן צערייצטן טיגער, ווען ער וועט אין זיין קיריקצוג דורכגיין די טראַקטן דורכן וואָלטשע-נאָרער וואַלד, וואָס האָט אין דער ברייט קוים אַכט קילאָמעטער.

פון דער צווייטער זייט וואַלד, צו דרום, לויפט די באַן-ליניע בריסק-מאָסקווע; פאַראַלעל מיט דער באַן-ליניע געפינט זיך דער שאָסיי בריסק-מאָסקווע — די צוויי צענטראַלע וועגן דורך וועלכע ס׳וועלן רעדערן דייטשע מאָטאָריזירטע אַרטילעריע און טאַנקען. בעת דעם דייטשן ריקצוג קאָנען מיר איינגעקלאַמערט ווערן אין אַ שמאָלן פאַס פון 8 קילאָמעטער צווישן וואַלד-טראַקטן, באַן-ליניע און שאָסיי.

אונדזער שטאַב באַקומט ידיעות פון באַגלויבטע געהיימע מקורות, אַז די דייטשן דאַרפן אין דער נאָענטסטער צייט מאָביליזירן גרויסע מיליטערישע און פּאָליצייאישע כוחות, פאַר אַ רייניקונגס-

אַקציע אין אַ גענעראַל-מאַסשטאַב, וואָס זאָל געבן אַן ענדגילטיקן טויט-קלאַפּ די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען, בכדי צו פאַרזיכערן די וועגן פאַר די אָפּטרעטנדיקע דייטשע דיוויזיעס.

אַלע אבלאַוועס אין משך פון צוויי יאָר באַוויזן ניט צו ליק־ווידירן די פּאַרטיזאַנישע נעסטן. די קומענדיקע אבלאַווע דאַרף איר ציל דערגרייכן . . .

וועט דער פייער-שטורם, וואָס וועט דורכוויכערן אין וואַלד, איבער אונדז, נישט מיטשלעפּן פרישע קרבנות ערב אונדזער באַפריי־אונג? מיר זיינען דאָך געבליבן אַזוי ווייניק, אַ קליינע צאָל — „אחד מעיר ושנים ממשפּחה״.

נאַכט, 8־טער מאַי 1944.

דער אָטריאַד שלאָפט, אָבער אָפן, ברייט־צעעפנט, זיינען די אויגן פון קאַראָול, פון די געהיימע פּאַטראָלן, פון די רייטער־אויס־שפּירער — די טרייע שומרים פון אונדזערע לעבנס. איך שטיי אויף דער וואַך ביי די ביידלאַך פון שטאַב.

אָפן זיינען מיינע אויגן, אָנגעשפּיצט מיינע אויערן, איך דערהער טריט. ס'מעלדעט זיך צו מיר אַ רייטער־אויסשפּירער, ער וויל דרינגנד זען דעם קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. איך וועק אויף דעם קאָמאַנדיר. „טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר, דערלויבט מיר זיך ווענדן צו אייך, דער ראַזוועדטשיק (אויסשפּירער) סערגיי קוטשטרא וויל מיט אייך רעדן, וויכטיקע ידיעות ברענגט ער".

דער קאָמאַנדיר שפּרינגט אויף און רופט אים אַריין אין ביידל.

סערגיי דערציילט: אויף דער באַן־סטאַנציע דאַמאַנאַוווע (10 קילאָמעטער דרום־מזרח פון אונדזער לאַגער) לאָדט מען איצט אויס גרויסע טראַנספּאָרטן דייטשיש מיליטער.

אַ צווייטער רייטער־אויסשפּירער קומט און מעלדעט: גרויסע דייטשע מיליטער־טראַנספּאָרטן ווערן אויסגעלאָדן אויף דער באַן־סטאַנציע איוואַצעוויטשי (8 קילאָמעטער דרום־מערב פון אונדזער לאַגער און 14 קילאָמעטער פון דאַמאַנאַוווע).

דער קאָמאַנדיר באַפעלט מיר: אויפצואוועקן פון שלאָף די ראָטע־קאָמאַנדירן און תיכף זאָלן זיי זיך צונויפקלייבן אין קאַנצעלאַריע־ביידל.

פינסטער איז אין וואַלד. מיט די הענט טאַפּ איך די דורכ־גאַנגען צווישן די ביימער.

אַ שטרענגע וואַך פון שומרים איז אויסגעשטעלט ביי יעדער ראָטע און ביי די ביידלאַך פון זייערע קאָמאַנדירן. צענדליקער מאָל ווער איך אָפּגעשטעלט פון די שומרים און צענדליקער מאָל שריי איך אויס דעם פּאַראָל, און אַז איך בין „דניעוואַלני" פון שטאַב, וואָס גייט אין שליחות פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר.

איך הער טריט . . . אַ דריטער אויסשפּירער קומט, ער ראַ־פּאָרטירט: אויף דער באַן־סטאַנציע אין סלאָנים (25 קילאָמעטער צפון־מערב פון אונדזער לאַגער) לאָדט מען אוים דייטשיש מיליטער.

אַ פערטער אויסשפּירער קומט: אויף דער באַן־סטאַנציע קאַסאַווע לאָדט זיך אוים מיליטער. ענלאַכע „בשורות" ברענגען אויס־שפּירער פון דער „ראַקאָסאָווסקי־בריגאַדע" — אונדזער שכן־אָטריאַד.

פיבערהאַפטע באַראַטונגען פון שטאַב.

אין דער פינסטערער נאַכט, אין פינסטערן וואַלד, ביי אויס־געלאָשענע שייטערס, ווערן בליץ־שנעל געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צום אָפּטרעטן . . .

אַלץ ווערט געשטעלט אויף די פים. די מענטשן ווערן אויפ־געוועקט פון שלאָף, די ביידלאַך — אויסגעליידיקט, דער אַרכיוו פון אָטריאַד ווערט פאַרגראָבן און גוט פאַרמאַסקירט. די פערד ווערן איינ־געשפּאַנט, די בהמות — צוגעבונדן צו די וואָגנס. די געהיימע פּאַטרולן ווערן אַלאַרמירט און געוואָרנט: „אויפמערקזאַם קוקן". די פאַמיליען־לאַגערן ווערן אויך אַלאַרמירט.

די אויסשפּירער היטן אָן אויפהער די באַוועגונגען פון די דייטשן אויף די באַן־סטאַנציעס.

מיר שטייען צונויפגעזאַמלט אויף אַ פּאָליאַנע צווישן ביימער מיטן פּנים צו מערב, אין דער ריכטונג צו די גרויסע זומפּיקע הונטער־מיכאַלינער וועלדער, וואו ס'לאַגערט אונדזער בריגאַדע מיט נאָך דריי אָטרייאַדן.

אונדז איז דערלויבט צו פאַרלאָזן וואַלטשע־נאָרער וואַלד נאָר אין די פאַלן פון דירעקטער געפאַר. אַזוי איז געווען די פאַראָרדענונג פון העכסטן פּאַרטיזאַנען גענעראַל־שטאַב.

ס'איז שוין אין די מיטאָג־שעהן פון 9־טן מאַי. מיר שטייען און וואַרטן. איינער נאָכן צווייטן קומען צולויפן די רייטער־אויסשפּירער פון זייערע אויסשפּיר־פּונקטן און מעלדן: די דייטשן באַוועגן זיך אין דער ריכטונג צום וואַלד . . .

אַ לאַנגע מחנה פון דייטשן ציט זיך פון דרום, פון מזרח, פון צפון . . . די דייטשן גייען אַריין אין וואַלד פון אַלע דריי זייטן. די דייטשן זיינען שוין דריי קילאָמעטער פון אונדזער לאַגער. דער וואַלד איז אַרומגערינגלט. אָפן פאַר אונדז איז בלויז דער וועג צו מערב.

צוגעטראַכט, אויסגעאַרבעט, און פּלאַנירט מיט אַלע פּאַר־שאָלטענע דייטשע מיליטערישע תחבולותן, קומט די אַבלאַווע, די געפּערלאַכסטע פון אַלע ביז איצטיקע אַבלאַוועס. די צוגרייטונגען צום טויט־קלאַפּ האָבן די דייטשן געמאַכט געהיים, ווייט פון וואַלטשע־נאַרי. דער אָנפאַל האָט זיך געקאָנט ענדיקן מיט אַ גרויס אומגליק פאַר אונדז, אָבער אַ דאַנק די אָפענע אויגן פון אונדזער אויסגעצייכנטן אויסשפּיר־אַפּאַראַט, וואָס איז טעטיק אַלע 24 שעה פון מעת־לעת, אַ דאַנק דער אָפּטיילונג רייטער־אויסשפּירער, אַ דאַנק די פּאַרטיזאַנער, אַ דאַנק די העלדישע שטאַב־לייט און דער מוסטערהאַפטער אָרגאַ־ניזאַציע — ווערט אויסגעמיטן די געפאַר פון פאַרניכטונג, וואָס איז געשטאַנען ממש אויף אונדזער שוועל.

מיר שטייען אויסגעשטעלט שורותווייז אין אַ מיליטערישער אָרדענונג און וואַרטן. ס׳פאַלט אַ באַפעל: „אין וועג אַריין מאַרשירן”! — „מאַרשירן אין אַ שנעלן טעמפּאָ” — קומט גלייך אַ צווייטער באַפעל.

פאַרויס פון אונדז, אויף אַ מרחק פון עטלאַכע קילאָמעטער, זיפּן דורך די רייטער־אויסשפּירער יעדן שפּאַן ערד. אין שפּיץ צוג גייט דער אָטריאַד־קאָמאַנדיר מיט אַ טייל שטאַב־לייט. הינטער זיי — די ראַטעס און זייערע קאָמאַנדירן, דער „אַבאַז”, די גויאישע פאַמיליען־לאַגערן, די אידישע קאַמף־גרופּע.

צום ערשטן מאָל אין דער טראַגישער געשיכטע פון אידן אין וואָלטשע־נאָרער וואַלד דערלויבט די אָנפירערשאַפט דעם אידישן פאַמיליען־לאַגער מיטצוגיין.

אַ צווייטער טייל שטאַב־לייט און אַ צאָל רייטער־אויסשפּירער שליסן דעם צוג.

דער אָטריאַד פון דער ראָקאָסאָווסקי־בריגאַדע” און זיינע אויס־געצייכנטע אויסשפּירער שליסן זיך אָן צו אונדזער מחנה.

דער וועג איז אונדז גוט באַקאַנט. נאָך צוויי קילאָמעטער וואַלד־שטח — און מיר וועלן אַרויס אויף אַ פרייען פעלד, צו די דערפער קאַראַשטשע און גריוודע, מיר וועלן אַריבערגיין די בריק איבערן טייך לעבן גריוודע, מיר וועלן דורכגיין נאָך אַ צאָל דערפער צו די הוטענער־מיכאַלינער וועלדער, אין וועלכע מיר האָבן אַזויפיל מאָל געפונען אַ מקום־מקלט פון דער צערייצטער בלוטיקער דייטשער חיה.

פלוצעם בלייבט שטיין אונדזער גאַנצע מחנה. לאַנגע מינוטן פון שפּאַנונג. ס׳מערקט זיך אַ צערודערונג ביי די שטאַב־לייט, ס׳גאַלאָפּירן הין־און־צוריק רייטער־אויסשפּירער. אַ באַפעל קומט: אויסשפּאַנען די פערד און זיי צובינדן צו בוימער, די אַנגעלאָדענע וואָגנס שפּייז אַריינ־פירן צווישן די בוימער, יעדער זאָל מיטנעמען די נ. ז. פּאַרציע (נ. ז. די ראשי־תיבות פון „ניעפּריקאָסנאָווענע זאַפּאַס״) — אייזערנע פּאַרציע פון ברויט און פלייש.

וואָס קומט דאָ פאָר?!

די לאַגע ווערט פאַר אונדז אויפגעקלערט.

די דערפער קאַרשטשע, גריוודע, די בריק איבערן טייך גריוודע זיינען באַזעצט און באַוואַכט פון דייטשן.

אין רוקן פון אונדז — דטיישן, פאַרויס פון אונדז — דייטשן, פון מערב־זייט זיינען מיר אויך אַרומגערינגלט. אַלע וועגן זיינען פאַר־שפּאַרט. דעם טייך מוזן מיר איבערגיין. דאָס טירל פון דער פּאַסטקע לאָזט זיך אַראָפּ . . .

אין אָט דעם קריטישן מצב קומט אַ בשותפותדיקע מייסטער־ווערק פון רייטער־אויסשפּירער און ספּעציאַליסטן וועגווייזער (פּוס־גייער), דורך לאַנגע וועגן־נישט־וועגן, אין אַ געדעקטן שטח פון בוימער, קוסטעס, זומפּן, אומגייענדיק און אויסמיידנדיק די צוויי דערפער און די בריק אויפן טייך גריוודע, פירן זיי אונדז אַרויס פון ערשטן שטאָפּל אַרומרינגלונג.

מיט זון־אונטערגאַנג דערפירן אונדז די וועג־קינסטלער צו אַ באַוואַלדיקטן ברעג פון אויבנדערמאָנטן טייך, איבער וועלכן ס׳הענגט

אַ „בריק״ צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער, וואָס האָבן אין דער ברייט קוים אַ האַלבן מעטער.

פון דער צווייטער זייט טייך — אָפענער שטח און פעלדער. ס׳איז שוין נאַכט. אַ טויטע שטילקייט אַרום. רעדן איז פאַרבאָטן. מיר ליגן אויסגעצויגן אויף דער ערד און וואַרטן . . .

דער שטאַב-נאַטשאַלניק באַפעלט: זיך אויסטאָן די מלבושים!

דריי הונדערט מעטער פון אונדז, אויף דער בעטאָן-בריק פונעם טייך, שטייען באַוואָפנטע דייטשן מיט שווער מאַשין-געווער, אָנגעשטעלט אין אַלע ריכטונגען.

„שנעל זיך אויסטאָן, שנעל צום טייך! אויב עמיצער וועט מאַכן אַן אויסגעשריי אָדער אַ מינדסטן גערויש, וועט ער דערשאָסן ווערן אויפן אָרט״. דער שטאַב-נאַטשאַלניק ווייזט אָן אויף דער „בעזשומקע״ (אַ ביקס וואָס שיסט אָן אַ קלאַנג) אין זיין האַנט.

אַ פרוי פאַלט אַראָפּ פון קלאַדקע אין וואַסער. אַ געשריי: „ראַטעוועט״, אַ צווייטע פרוי שרייט: „איך טרינק זיך״. מ׳ציט זיי אַרויס פון טייך. די „בעזשומקע״ שווייגט. מיר שווימען. אַ טויזנט-קעפּיקע מאַסע פּליעסקעט אין די וואַסערן. מיר קומען אַרויס אויפן צווייטן ברעג פון טייך. עס אונטערלינגט ניט קיין ספק, אַז די דייטשן האָבן געהערט די געשרייען און דאָס פּליעסקען. אַ באַפעל: „וואָס שנעלער לויפן!״. לויפנדיק טוען מיר אָן די מלבושים. יעדער איז אויף זיין אָרט, אין זיין אָפּטיילונג. די רייען ווערן געשלאָסן אין מיליטערישער אָרדנונג.

דאָ קומט ווידער אַ מייסטערווערק פון אונדזערע אויסשפּירער און וועג ווייזער: זיי פירן אונדז אין פינסטערער נאַכט, איבער בלינדע וועגן, איבער פעלדער, וועלדער און קוסטעס, איבער זאַמדן און זומפּן. אַרומגייענדיק אַ צאָל דערפער מאַכן מיר אַ „שפּאַציר״ פון 60 קילאָמעטער.

אויסגעמאַטערטע, מיט וואַרסערבײלן און וואונדן אויף די פיס-זוילן, קומען מיר אָן אין די שפּעטע פרימאָרגן שעהן פון 10-טן מאַי אין די הוטענער-מיכאַלינער וועלדער.

ס׳באַגריסן אונדז פּאַטרולן פֿון דער בריגאַדע.

די צוואַנציק טויזנט-קעפּיקע בלוט-דורשטיקע, צערייצטע דייטשע חיה לויפֿט אַן אַנטוישטע פֿון אויסגעלײדיקטן וואָלטשע-נאָרער וואַלד און שפּרינגט אַריין אין דער צו אונדז גאַסטפֿריינדלעכער הוטענער-מיכאַלינער פּושטשע.

אַן אויסשפּיר-עראָפּלאַן אַנטדעקט די רויכן פֿון שייטערס אין אונדזערע לאַגערן. כוואַליעוויז קומען צופֿליען ניין דייטשע באָמבאַר-דירער, און אַ גאַנצן טאָג, אַן אַן איבעררייס, האַגלען זיי מיט באָמבעס און באַשיסן פֿון קוילן-וואַרפֿער דעם וואַלד-קוואַרטאַל, די בוימער, אונטער וועלכע מיר ליגן און שטייען פֿאַרשטעקט. צום גליק זײַנען קיין מענטשלאַכע קרבנות ניט געווען. איין פֿערד ווערט דערהרגעט און נאָך אַ פֿערד — פֿאַרוואונדעט.

דער אָטריאַד גייט אַרויס פֿון דער טייוולאָנישער אבלאווע אַן פֿאַרלוסטן, און אַן פֿאַרלוסטן גייט אַרויס די אידישע גרופּע וואָס גיט איר צושטייער אין אַלע קאַמפֿן.

פֿון פֿרילינג 1943 ביזן טאָג פֿון אונדזער באַפֿרייאונג, דעם 10-טן יולי 1944, אַ קימאַ-לן פֿון 16 חדשים, זײַנען פֿאָרגעקומען דריי שווערע אבלאַוועס. אין די דריי אבלאַוועס געלינגט ניט די דייטשן אַרײַנצוכאַפּן אין זייער טויט-מאַשין קיין איינעם פֿון דער אידישער משפּחה אין וואָלטשע-נאָרער וואַלד, אויב ניט רעכענען די פֿינף אידן פֿון אונדזער קאַמף-גרופּע, וואָס פֿאַלן אין שלאַכט בעת די פֿאַרשידענע אויפֿגאַבן, וואָס זיי פֿירן אויס. זיי פֿאַלן ווי העלדן אין קאַמף, אָבער ניט בעת די אבלאַוועס. פֿון דער איצטיקער, דאָפּלטער אבלאַווע, די געפֿערלאַכסטע און די לעצטע פֿון צוויי יאָר בלוטיקע אבלאַוועס, גייען אַרויס די רעשטלאַך אידן אַן איין קרבן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער בעסערער באַציאונג פֿון שטאַב צו די אידן.

מיט סכנות איז אויסגעבעט דער וועג צו אונדזער נאָענטער באַפרייאונג. מינסק, די הויפּשטאָט פון ווייסרוסלאַנד, איז פאַרנומען פון דער סאָוועטישער אַרמיי. ידיעות פון געהיימע פאַרבינדלער דער־ציילן וועגן בהלה־שטימונגען ביי טיילן פון אָרטיקער באַפעלקערונג — שותפים פון די גרויזאַמע, דייטשע פאַרברעכנס; וועגן מאַסן פּאָליציאַנטן, וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות וועלן זיי ניט באַווייזן אָפּצוטרעטן מיט די דייטשן, און אויס מורא פאַר נקמה מצד דער אָנקומענדיקער סאָוועטישער מאַכט — האָבן זיי בדעה אַריינצולויפן אין די וועלדער, און מיטן כוח פון זייער געווער שאַפן אַ „פּאַרטיזאַנקע”.

אַ פּאָליצייאישע „פּאַרטיזאַנישע” אָנזאַמלונג אין די וועלדער — אויב אַזוינס זאָל געשען — באַדייט פאַר אונדז אַ צווייטער געפער־לאַכער אינערלאַכער פראָנט. אונדזער לאַגע וועט שטאַרק באַשווערט ווערן, אונדזערע באַוועגונגס־מעגלאַכקייטן וועלן אין אַ געוויסער מאָס איינגעשרומפּן ווערן.

די פּאָליציאַנטן קענען גוט דעם וואַלד, די סביבה, און זיי וועלן אויך האָבן געהיימע פאַרבינדלער.

אַ פּרואוו עפענען קעגן אונדז אַ צווייטן אינערלאַכן פראָנט מאַכן די דייטשן אין די ווינטער־חדשים פון יאָר 1944, ווען זיי באַזעצן דריי דערפער אויף דורכפאַר וועגן, אין האַרץ פון וואָלטשע־נאָרי, מיט עטלאַכע הונדערט באַוואָפנטע גאַבאַרדינער (אַ שבט פון קאַווקאַז וואָס אַרבעט־מיט מיט די דייטשן).

אין אַ שלאַכט פון אונדזער אַטריאַד קעגן די גאַבאַרדינער ווערן די לעצטע פאַרטריבן פון די דריי דערפער פון וואָלטשע־נאָרי, איבער־לאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד 71 פגרים.

אונדזערע פאַרלוסטן אין דער שלאַכט זיינען 11 פּאַרטיזאַנער. צווישן זיי פאַלט דער יונגער, דרייסטער, האַרציקער יאַנאַש גילאַרי פון דער אידישער קאַמפּס־גרופּע.

פאַרויסזעענדיק די מעגלאַכקייט פון בלאָקירן דעם וואַלד, אין פאַל ווען דער פראָנט פאַרהאַלט זיך אויף אַן אומבאַשטימטער צייט ביי די סטראַטעגיש־וויכטיקע פּאָזיציעס אין אונדזער געגענט — גרייט

צו דער אַטריאַד, אַלס גאַנצקייט און אויך יעדע ראַטע באַזונדער, באַדייטנדיקע שפּייז-רעזערוון, וועלכע ווערן גוט פאַרמאַסקירט אין פאַר־שידענע פּונקטן פון וואַלד.

קודם כל זוכט אונדזער אָנפירערשאַפט מיטלען, ווי אַזוי נישט דערלאָזן צום אַנטשטיין פון אַ פּאָליציייִשער „פּאַרטיזאַנקע״. אין געדרוקטע אויפרופן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט צווישן דער באַפעלקערונג, ווענדעט זיך דער פּאַרטיזאַנען־שטאַב:

„צו אַלע פּאָליציאַנטן וואָס דער אָקופּאַנט „צווינגט״ זיי צו שטיין אין זיין דינסט! קומט אין וואַלד, מעלדעט זיך צו די פּאַרטיז־אַנישע שטאַבן, וואו איר וועט ברידערלאַך אויפגענומען ווערן, ווי געטרייע זין פון גרויסן רוסישן פאָלק. יעדער פּאָליציאַנט זאָל מיט־ברענגען זיין געווער. געמיינזאַם וועלן מיר מיט אייך קעמפן קעגן דער בלוטיקער חיה.

קומט אין וואַלד!

אַלע חטאים, וועלכע איר זענט באַגאַנגען אונטערן דרוק פון די דייטשע מאַכטהאָבער, וועלן אייך געשענקט ווערן.

די, וועלכע וועלן ניט נאָכקומען דעם רוף, וועט די האַנט פון סאָוועטישער גערעכטיקייט אויסגעפינען . . .״

די אויפגאַבע פון דעם אויפרוף איז אַריינצוברענגען אַ צעטומלעניש צווישן די פּאָליציאַנטן, אַריינצונאַרן זיי אין וואַלד, צונישט מאַכן זייערע פּלענער פון אַן אייגענער „פּאַרטיזאַנקע״ און צו האַלטן זיי „אויפן אויג״.

* * *

דער פּאָליציאַנט אַלעקסאַנדער פּיראַנטשיק, טרויעריק באַרימט מיט זיינע רציחות אין די שחיטה־טעג איבער די אידן אין שטעטל ביטען, האָט נישט בדעה מיטצולויפן מיט די דייטשן און איבערלאָזן זיין גוט־איינגעאָרדנטע ווירטשאַפט, זיין פרוי, זיינע צוויי קליינע קינדער און די אוצרות אָנגערויבטע האָב־און־גוטס פון זיינע אידישע קרבנות.

פיראַנטשיק לייענט דעם אויפרוף. ס׳געפעלט אים די איינלאַדונג. אַלע זיינע שוידערלאכע פאַרברעכנס ווערן אים פאַרגעבן, ווען ער קומט אין וואַלד, בפרט ווען ער ברענגט מיט זיך פינף חברים פאָליציאַנטן מיט זייער געווער. און דער וואַלד איז נאָענט — פיר קילאָמעטער פון זיין דאָרף זארעטשע.

פיראַנטשיק גייט. מיט אים זיינע פינף חברים-מערדער.

אין וואַלד ווערן די 6 פינסטערע „בעלי-תשובה" פאַרהאַלטן אין גויאישן פאַמיליע-לאַגער פון דאָרף מענטשוטי (דער פאַמיליען-לאַגער איז אונטערן שוץ פון דער ראקאסאווסקי-בריגאַדע. זיין באַזע איז צוויי קילאָמעטער ווייט פון מיין אָטריאַד).

די 6 באַנדיטן ווערן אַנטוואָפנט. אַ לאַנגן צעטל פון בלוטיקע חשבונות האָט דער פאַמיליען-לאַגער מיט פיראַנטשיקן און זיינע חברים.

די אָפּרעכענונג קומט. דער חשבון ווערט באַצאָלט . . . נאָך דער געשעעניש איז אַרויס אַ באַפעל וואָס האָט פאַרבאָטן הרגענען פאָליציאַנטן וועלכע קומען אין וואַלד.

„סאָוועטסקאיא בעלאָרוס" איז אַ דיווערסיע אָטריאַד. זיין אויפ־גאַבע איז: אויפצורייסן דייטשע צוגן, בריקן, פּאָליציייאישע גאַרני־זאָנען, דייטשע וואַך־פּאָסטנס אאַ"וו; די באַזע פון „סאָוועטסקאיא בעלאָרוס" איז דער וואַלד וואָלטשע־נאָרי, אין געגנט פון די שטעטלאַך ביטען, קאסאווע, איוואַצעוויטשי, און פון דער קרייז־שטאָט סלאָנים (ווייסרוסלאַנד).

די אָנפירערשאַפט פון אָטריאַד: קאָמאַנדיר, פאַרטרעטער, שטאַב־נאַטשאַלניק, קאָמיסאַר, פּאָליטרוק, נאַטשאַלניק פאַר באַזונדערע ענינים, און אַ נאַטשאַלניק פאַר ספּעציעלע געהיימע אויפגאַבן.

דער אָטריאַד ציילט 400 מאַן בערך. ער איז איינגעטיילט אין פיר ראָטעס. אַ ראָטע ציילט פיר זוואָדן.

אונטערן שוץ פון אָטריאַד געפינען זיך צוויי גויאישע פאַמיליען־לאַגערן און איין אידישער — צוזאַמען 250 מאַן בערך.

„סאָוועטסקאיא בעלאָרוס" איז אָנגעשלאָסן אין אַ בריגאַדע אויפן נאָמען פון פּאָנאָמאַרענקאָ. די באַזע פון דער בריגאַדע איז אין די הוטענער־מיכאַלינער וועלדער. אין דער געגנט פון די שטעטלאַך קאסאווע, רוזשאַני, און קאַרטוז־בערעזע.

אַ פאַרבינדונג צווישן וואָלטשע־נאָרי און דער בריגאַדע — אַ מרחק פון 40 קילאָמעטער איבער אַ שטח פון אַ צענדליק דערפער — ווערט טאָג און נאַכט איינגעהאַלטן דורך אַ פאַרצווייגטער נעץ פון קאַראַולן, פּאַטרולן, רייטער־אויסשפּירער, פּאַרטרויאונגס־לייט, געהיימע פאַרבינדלער און איינוואוינער פון דערפער ענג־אוים דעם שטח.

אַ צאָל בריגאַדעס, וועלכע אָפּערירן צווישן באַראַנאָוויטש און בריסק און אין אַ טייל פון פינסקער זומפן, בילדן די אַזוי־גערופענע „בריסקער פאַראייניקונג", אָנגעפירט פון פּולקאָווניק סערגיי איוואַנאָ־וויטש שיקאָרסקי. די באַזע געפינט זיך אין ספּאַראַווא, און דאָס פּאַר־טיזאַנישע פלי־פעלד אין סווארין.

* * *

דער וואַלד וואַלטשע-נאַרי, די קרייץ-וועגן אין וואַלד, די אַריינגאַנג-ערטער אין וואַלד, די דערפער ביים ראַנד-וואַלד, די סטראַטעגישע פונקטן ווייט פון וואַלד — זיינען טאָג און נאַכט באַוואַכט פון געהיימע פאַטרולן.

אַ געהיימער פאַטרול אויף אַ פונקט באַשטייט פון צוויי פערזאָן, וועלכע ווערן געביטן איין מאָל אין צוועלף שעה. אין די ווייטערדיקע פונקטן — איין מאָל אין 24 שעה.

אין פאַל ווען אַ געהיימער פאַטרול באַמערקט אַ קאָנצענטראַציע פון שונאס כוחות אַרום וואַלד, עווענטועל אין וואַלד, באַשטייט די „טעלעפאָנישע" אַלאַרם-פאַרבינדונג פון פאַטרול מיטן שטאַב, דורך אָפּפייערן 9 ביקסן-שאָסן, וואָס ווערן איבערגעגעבן פון פאַטרול צו פאַטרול אויף דער ליניע אין דער ריכטונג פון לאַגער. אַזוי אַרום ווערט דער אַטריאַד אין געציילטע מינוטן (ווען אַפילו די שאָסן קומען פון אַ פאַטרולקע וואָס שטייט ווייט אַ צוואַנציק קילאָמעטער פון לאַגער) געוואָרנט, און ער ווייסט פון וועלכער זייט עס דראָט די געפאַר. אין זעלבן מאָמענט ווערט טעטיק אַ טייל רייטער-אויסשפּירער, וואָס איז אין רעזערוו פון לאַגער.

די געהיימע פאַטרולן איז דערלויבט צו אַלאַרמירן מיט 9 ביקסן-שאָסן נאָר אין פאַל, ווען זיי זעען דירעקט דעם שונא, און נאָר אין דעם פאַל איז זיי דערלויבט צו פאַרלאָזן דעם פאָסטן און לויפן . . .

דער לאַגער פון אַטריאַד אין אַלע פיר ווינקלען ווערט טאָג און נאַכט באַוואַכט פון אַן אינערלאַכן קאַראַול צו צוויי מאַן אין אַ ווינקל. זיי ווערן געביטן אַלע פיר שעה.

דער צענטראַלער שפּיר-נערוו פון דער אַלגעמיינער שמירה, וואָס ציילט 80 מאַן אין מעת-לעת, איז קאָנצענטרירט אין דעם קאַראַול-ביידל, אין די הענט פון קאַראַול-נאַטשאַלניק. נעבן דעם קאַראַול-ביידל איז פאַראַן אַן אַרעסט-ביידל.

דאָס אויג פון אַטריאַד, וואָס זעט אויף מרחקים, איז אַ רייטער־אויסשפּירער אָפּטיילונג פון 26 מאַן. די אָפּטיילונג שטייט אין קאָנטאַקט מיט געהיימע פאַרבינדלער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, פון וועמען זיי באַקומען גענויע אינפאָרמאַציעס פון לאָקאַלן כאַראַקטער — וועגן דייטשע פּאָליצייאישע באַוועגונגען אין דער סביבה און וועגן פאַר־שוינען וואָס אַרבעטן־מיט מיט די דייטשן. די רייטער־אויסשפּירער דרינגען אַריין אין וויט־אַרויסגערוקטע ישובים.

קאַראַולן, געהיימע פּאַטרולן, געהיימע פאַרבינדלער, רייטער־אויסשפּירער, אַ צאָל פּאָליציאַנטן אין דייטשן דינסט מיט דער דער־לויבעניש פון פּאַרטיזאַנען־שטאַב, צוויי הויכע באַאַמטע (פּאָליאַקן), וואָס אַרבעטן אין דייטשן געביטס־קאָמיסאַריאַט אין דער קרייזשטאָט סלאָנים, און נאָך גורמים פון קאָנטערשפּיאָנאַזש — בילדן אַ געשלאָסענע אייזערנע קייט פאַרן קיום, זיכערקייט, אויסדויער און קאַמפּס־פעאיקייט פון אַטריאַד „סאָוועטסקאיא בעלאַרוס״ אין וואַלטשע־נאָרער וואַלד.

לייכט פאַרוואונדעטע פּאַרטיזאַנער און באַוועגלאַכע קראַנקע ווערן „באַהאַנדלט״ פון דאָקטאר אין לאַגער גופא. אַ שפּיטאָל פאַר ליגנדיקע קראַנקע געפינט זיך, צוליב פאָרזיכטיקייט־טעמים, אין אַ געוויסן מרחק פון לאַגער, אין אַ פאַרלעגענעם ווינקל, אין אַ זומפּיקן וואַלד־קוואַרטאַל, דורך אַ צוגאַנג אין זומפּן, גוט פאַרמאַסקירט פון שונאס אויג. בעסערע שפּייזן פאַר אַזעלכע קראַנקע „קויפן״ מיר ביי דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

דער „האָספּיטאָל״ ווערט באַוואַכט טאָג און נאַכט דורך אַ באַוואָפנטער שמירה, מיט אַ סיסטעם פון אַלאַרם־סיגנאַלן און רוף־צייכנס צום אַטריאַד.

בעת איינער פון די אבלאַוועס איז דער אַטריאַד געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן דעם וואַלד אויף עטלאַכע טעג, אָן דער מעגלאַכקייט מיטצונעמען די קראַנקע. די דייטשן האָבן באַהערשט דעם וואַלד, אָבער אויף דעם שפּיטאָל האָבן זיי זיך ניט אָנגעשטויסן.

זאָל פון דעם ניט געדרונגען ווערן, אַז אונדזער אָנפירערשאַפט האָט געלאָזט אויף הפקר אירע קראַנקע סאָלדאַטן. בעת מלחמה־אָפּעראַציעס זיינען פאַראַן מאָמענטן ווען מען מוז מקריב זיין אַ פּרט „לטובת דעם כלל״.

* * *

אין די טיפענישן פון הומענער־מיכאַלינער וועלדער, אויף אַ קליינעם אינדזל אין אַ זומפּיקן וואַלד־שטח, געפינט זיך דער בריגאַדע־שפּיטאָל. אין דעם זעלבן וואַלד ווערט אין יאָר 1943 אויפגעבויט אַן אַעראָדראָם. דער באָדן פון אַעראָדראָם איז אויסגעבעט מיט שיכטן בוימער. אַ בוים צו אַ בוים ווערט באַהאַפטן און פאַרבונדן מיט אַ „שטריק״, צונויפגעדרייט און צונויפגעפלאָכטן פון דינע, לאַנגע, ביי־געוודיקע בערעזע־צווייגן.

פון צייט צו צייט, אין אַ באַשטימטן טערמין, אין פאַרשטענ־דיקונג מיט מאָסקווע, לאַנדעט אַ סאָוועטישער עראָפּלאַן אין אַ פינסטערער נאַכט אויף דעם אַעראָדראָם. ליכט־סימנים פון ריזיקע, ברענענדיקע שייטערס ווייזן דעם עראָפּלאַן וואו צו לאַנדן.

אַ רעגולערע פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז איינגעשטעלט דורך אַ נעץ ראַדיסטן־פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זיינען צוגעטיילט צו צוויי מאַן אין יעדן אָטריאַד.

צום באַשטימטן טערמין ווערן צום אַעראָדראָם געבראַכט פּאַרטיזאַנער־אינוואַלידן פון „סאָוועטסקאַיאַ בעלאַרוס״, פון די אַנדערע אָטריאַדן פון דער בריגאַדע „פּאָנאָמאַרענקאָ״ און אויך פון דער בריגאַדע „פאַזשאַרסקי״.

דער הויפּט־דאָקטאָר פון דער בריגאַדע „פּאָנאָמאַרענקאָ״ און פון בריגאַדע־שפּיטאָל איז אַן איד, אַ פּליט פון דער שטאָט סוּוואַלק, ד״ר סמאָלינסקי, היינט אין ניו־יאָרק. דער גאַנצער מעדיצינישער פּערסאָנאַל פון די דערמאָנטע צוויי בריגאַדעס און זייערע אָטריאַדן זיינען אידן.

אָוונט, 9־טער יולי 1944.

מיר שטייען אין שפּאַנונג צונויפגעזאַמלט נעבן דעם קאָנצע־ליאַריע־ביידל פון שטאַב. דער סאָוועטישער קריגס־קאָמוניקאַט מעלדעט: „טיילן פון דער רויטער אַרמיי פאַרסירן דער „שטשאַרא״; דאָס שטעטל ביטען איז פאַרנומען״. צען קילאָמעטער פון לאַגער ליגט ביטען, מיין אויסגעקוילעט אידיש שטעטעלע.

* * *

10־טער יולי 1944, באַגינען.

דער שרייבער פון די שורות און זיין פּאַרטנער אויף קאַראַול, ליאָלעק גראַיעווער (אַן אידישער בחור פון וואַרשע), האָבן דאָס מזל אין אָט די גורל־שעהן פון דעם באַגינען צו זיין דער לעצטער וואַך־פּאָסטן ביים לאַגער פון אַטריאַד. דער לאַגער געפינט זיך דאָס מאָל האַרט ביי אַ ברייטן וואַלד־טראַקט.

דער אַטריאַד פאַרלאָזט דעם לאַגער. אין שווייגנדיקע רייען, איינע נאָך דער אַנדערער גייען פאַרביי די ראַטעס, די רייטער־אויס־שפּירער, אַ טייל פון שטאַב, די אידישע גרופּע, דער קאַראַול־נאַטשאַלניק און דער רעזערוו פון קאַראַול.

דער קאָמאַנדיר פון אַטריאַד ווענדט זיך צו מיר: אַלע קאַראַולן און פּאַטרולן בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס. ווער עס וועט פאַרלאָזן דעם וואַך־פּאָסטן, וועט דערשאָסן ווערן. אין לאַגער זאָלט איר ניט אַריינגיין, ווייל דער לאַגער איז מינירט. די דייטשן זיינען שוין אַריין אין וואַלד. דעם טראַקט וועלן זיי אַדורכגיין. אונדזערע שפּירער וועלן זיין מיט אייך אין קאָנטאַקט. קוקט אויפמערקזאַם . . .

* * *

דער לאַגער איז אויסגעליידיקט. דער אַטריאַד איז אָפּגעטראָטן אין אַ דערבייאיקן זומפּיקן וואַלד־טייל. ליאָלעק און איך שטייען פאַר־שטעקט צווישן בוימער. אַ קאַנאָדע פון שאָסיי־זייט. סנאַריאַדן רייסן אויף נאָענט פון אונדז. זיי רייסן אוים בוימער . . .

מיר ליגן צוגעפּרעסט צו דער ערד און זעען די דייטשן אין זייער בהלה׳דיקן אָפּטרעטן.

איינס אַזייגער בייטאָג איז דער אַטריאַד מקבל-פּנים די רויטע אַרמיי אין וואָלטשע-נאָרער וואַלד. מיר ווערן באַפרייט.

פון 725 אידן — געבליבן בלויז הונדערט.

* * *

צום סוף — נאָך אַ פערזענלאַכער מאָמענט:

פון וואָלטשע-נאָרי ווער איך מאָביליזירט אין דער סאָוועטישער אַרמיי; איך נעם אָנטייל אין די שלאַכטן ביי וואַרשע און אין מזרח-פּרייסן. צוויי מאָל ווער איך לייכט פאַרוואונדעט, צום דריטן מאָל — שווער. דאָס איז געשען ביי דער שטאָט גאמבינען (מזרח-פּרייסן), דעם 21-טן יאַנואַר 1945.

איך בין געלעגן אין מיליטערישע שפּיטאָלן אין קאָוונע, מאָסקווע, טאמסק (סיביר).

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איבער 8 מלוכות, שיפן מיר זיך אָפּ פון דעם אין זיינער צייט באַרימטן לאַספּעציע-האַפן (איטאַליע). דעם 19-טן מאַי 1946 באַטרעט איך דעם באָדן פון ארץ ישראל.

בריוו אויסצוגן . . .

4. 4. 47

. . . די אלע זאכן זיינען גוט, מ׳קען זיי גלייך נוצן און טראגן, ניט איבערנייען, ניט גרעסער מאכן, ניט קלענער. אלץ צו דער מאס. אָבער מיין טייערער, זאל זיין גענוג. פאר קיין פאל ניט שיקן מער. מיר האבן שוין גענוג זאכן. וואס אן אמת, ס׳קומט אונדז אלץ צוניץ, אבער מיר זיינען אפגעוואוינט געווארן אין די לעצטע יארן פון אזעלכע מותרות, ווי צו האבן אזא שפע פון וועש, מיט אויבערהעמדער, מיט האנטיכער, מיט זאקען און נאָך — פאדזשאמעס.

אין די פעלדער און וועלדער האבן מיר זיך זומער אונטערגעבעט מיט פרישן, גרינעם, פייכטן גראז און, זיך צוגעדעקט מיט טראפנס טוי קלארינקע ווי קריסטאל. ווינטער איז דאס אונטערבעט געווען פון שניי, דאָס איבערבעט פון שניי און, ניט איין מאל אויפשטייענדיק פון דער נאכט, איז דיין קאלדרע געווען א דעקע פון פופציק סענטימעטער גוטן, ווארימען שניי, וואס דער אידישער גאט, האט פון זיין גרוים רחמנות געשענקט זיינע פארוואגלטע קינדער. אזעלכע נעכט אין די וועלדער האבן מיר געהאט א סך. זיך אויסגעלייגט אין אן עיגול — צוגעטוליעט איינע צו די אנדערע, די פיס אויפגעקנוילט ווי בא א חיה, דער קאפּ איינגענורעט צום ברוסט, און אין מיטן דעם עיגול האָט געברענט אַ קאסטיאר, וועלכער האט דערווארעמט די פיס, ווען דער קאפּ האָט געפרוירן, און דערווארעמט דעם קאפּ ווען די פיס האָבן געקעלטערט — אפהענגיק געווען ווי מיר האבן זיך אויסגעלייגט צום פייער און, די נעכט זיינען געווען לאנגע, 14 שעה׳דיקע און, דער וואלד האט גערוישט און, די וועלף האבן גע־וואיעט און, נשמות האבן געבלאנדזשעט. האסט געהערט זייער שטילן, פארשטיקטן געוויין. האסט זיי געהערט — ארום זיך, איבער זיך, אין זיך. און די נעכט זיינען געווען לאנגע און קאלטע. אנדערע מאל פינסטערע, באלאדענע מיט שווערע וואלקנס. אנדערע מאל ליכטיקע, באלויכטענע פון דער לבנה, וועלכע האט זיך קוים געלאזט באמערקן איבער די דיקע, הויכע בוימער, מיט זייערע ברייטע, לאנגע צווייגן, אויבעט איינגעדעקטע פון קלארן, ווייסן שניי.

כ׳זע אים — שרייבנדיק די שורות — יענעם גרויסן, געמיטלאכן, גוטן וואלד, וועלכער האט אונדז באשיצט. און איך זע אים אויך דאן, ווען ער איז שלעכט געווען און, פארפלעקט זיין ווייסקייט מיט ריינעם, רויטן בלוט פון מיינע חברים און פריינט. כ׳זע די אלע ערטער, כ׳זע די אלע ווינקעלאך, כ׳זע די אלע וועגן אין יענע נעכט, ווען איך אליין בין ארומגעקראכן, א באוואקסענער מיט א בארד, געטראגן א קורצן אויסגעריבענעם פעלצל און, די פיס איינגעוויקלט אין שמאטעס מיט שטריקלאך ארומגעבונדן און, הויזן — לעבער אויף לעבער, לאטעס אויף לאטעס און, אין העמד פון חדשים ניט געוואשן — אן אוצר פון לייז, א זעלטענע אויסשטעלונג פון גרויסע און קליינע גאנצע משפחות פון אלע ראסן, וועלכע האבן געביסן מיך, דעם „אתה-בחרתנו׳ניק. און אזוי ארומגעקראכן, ד. ה. אייגענטלאך ארויסגעקראכן פון דעם שנייעדיקן וואלד, זיך צוגעגנב׳עט צו א דארף און געזוכט רויב, געזוכט ביי ווענען א שטיקל ברויט אויסבעטלען, און געזוכט ביי עמיצן עפעס צו׳גנב׳ענען און, ארום האבן געלויערט אלערליי געפארן — ווי אף די וועגן, אזוי אין דעם דארף אין וועלכן דו האסט זיך ארייגעשמוגלט אזוי סכנה׳דיק.

כ׳זע יענע זעמליאנקע — די פינסטערע ערד-גריבל אין וועלכער מיר זיינען געווען איינגעשלאסן עטלאכע חדשים און, איין מאנאט, ווען א טיפער שניי איז אנגעפאלן און, באדעקט דעם גאנצן שטח ארום און, ס׳זיינען פארווישט געווארן אונדזערע שפורן, האבן מיר 28 טעג — אייגענטלאך נעכט — אין ערגעץ ניט ארויס און, זיך גענערט מיט קארטאפל אן זאלץ און, די קארטאפל האבן מיר אויך פריער אנגע׳גנב׳עט. ס׳שטייט פאר מיינע אויגן אט די ערד-גריבל, וועלכע איז אזוי רייך געווען אין אונדזער לעבן מיט פאסירונגען, מיט געפארן, מיט פארצווייפלונגען און, זעלטן-ווען אויך מיט א שאטן פון האפענונגען . . .

4. 1. 47:

. . . פון דאס אויבנאנגעמערקטע זעסטו, ווי מיר גייען אריין מיט ביידע פיס אין ארץ ישראל לעבן. מ׳פאראנקערט זיך ביסלעכ־ ווייז ביי די ברעגעס פון דעם נייעם לאנד צו וועלכן מ׳איז צוגעשוואומען און דער ענין פון עמיגרירן ווייטער איז ווי פון זיך אליין אפגעלייגט געווארן. מען איז פארמאטערט און מען וויל אפרוען און, סוף־סוף איז דאך, סדנא דארעא חד הוא. און זאל זיין, ווי אנדערע טייטשן אוים, אז דאָס קליינע לאנד, האט א גרויסע צוציאונגס קראפט. זי טרייבט ארוים און שלעפט צוריק און, אזוי איז א געשיכטע פון אַ פאר טויזנט יאָר, וואו ניט מיר קאנען פטור ווערן פון איר און, ניט זי קאן פטור ווערן פון אונדז. אַ בלוט־בונד האבן מיר געשלאסן מיט איר און זי מיט אונדז. ביידע באצאלן שווער פאר דעם פאראט. און ס׳איז ווי אן אמת, לויט די אלע מפרשים.

פעט און פרוכטבאר איז געווען דאס קליינע לאנד אין די צייטן פון אידישער זעלבסטשטענדיקייט. געבליט האט זי ווען אידן האבן געהאט זייער מלוכה־לעבן אין אירע גרעניצן.

חרוב און וויסט איז פארבליבן ווען די אידן זיינען פון איר אויסגעווארצלט געווארן און, צושפרייטע אין אנדערע וועלט־טיילן, האבן זיי אין משך פון לאנגע יאר־הונדערטער, פעט און ברוין געמאכט מיט זייער בלוט באדנס ניט־זייערע, און מיט זייערע קערפערס גע־ מיסטיקט פרעמדע פעלדער.

האט זיך די ארץ־ישראלדיקע ערד, אַן אָפגענארטע און באַ־ ליידיקטע פון דער בגידה אין דעם בלוט־בונד, רוגזה׳דיק פארשלאסן איר מוטער־טראַכט און פון גרויסער בענקשאפט גענומען איינטריקענען און, באדעקט זיך מיט געלן, טרוקענעם, דין־דינעם מדבר־זאמד און אפגעגעבן זיך דער הייסער זון, וועלכע האט פון אירע טיפענישן אוים־ געזויגן אלע וואסער־קוואלן און געבליבן איז זי אזוי אַ פארשטיינערטע, אָן בוימער און געוויקסן א פארשעמטע קרקע־בתולה, אף וועמענס קערפער אין די נעכט, וויינען שאקאלן אוים, דעם קלאָג פון אַ פאר־ וואגלטן פאלק, וואס געדענקט ניט דעם בונד פון בלוט.

ניט איינגעלעבט האט זיך די ארץ-ישראל׳דיקע ערד מיט די קינדער פון מחמד און אלערליי בעדואינער-שבטים, און ניט אפּגעגעבן האט זי זיך זיי. טריי דער שבועה, איז זי פאר זיי — ווייטער עקרה׳דיק. ביז ס׳זיינען געקומען פון זייער לאנגען וואנדער-וועג די פארשטויסענע, באוויקט איר מיט זייער בלוט און שוויים און, עס וואקסן אוים בליענדע ישובים, וועלדער און פרדסים, גרינע זאפטיקע גראזן און וואסער ווי דורך א כישוף. זעסט באשיינפערלאך אז ס׳איז אמת.

באדן וועלכן אידן האבן נאך ניט פארנומען, איז מדבר׳דיק-וויסט, שטיינערדיק, אָן אַ צייכן פון גראז און וואסער, און די ערד גארט באפרוכפערט ווערן. זי רופט די פארשטויסענע צו זיך, זיי קומען, זי נעמט זיי אויף, עפנט איר פארשלאסענע טראַכט, גיט זיך זיי לייזנשאפטלאך אפּ, זי לאָזט זיך אקערן, זי לאזט זיך באפרוכפערן. אינגער, שענער, ווערט זי פון טאג.

און ליב האבן זיי זיך איינע די אנדערע — די אמאליקע פאר-שטויסענע און די אויסגעטריקנטע אלטע בתולה. זעסט ווי זי חנדלט זיך — „שחורה אני ונאוה״. נאך שווארצער און שענער וועל איך ווערן, ווען דו וועסט מיר דיין בלוט געבן — רוימט זי אריין דעם פארשטויסענעם, וועלכער ליגט אַ פאר׳חלש׳טער פון זיסקייט אין אירע ארעמס; „דיין בלוט איז א זעלטענע פליסיקייט, וואס צעמענטירט, ס׳בינדט אייביק צו קינדער צו זייער מאמע-ערד, ווען זיי צאפּן פאר איר אפּ וואס מער פון דער קאסטבארער, רויטער פליסיקייט״. „וואס מער דיין בלוט — און איך וועל זיין דיין מולדת״. בלוט און מולדת זיינען אומטיילבאר. „דו דארפסט מיך זיין איבערגעגעבן״ — שעפּטשעט זי אים אן, און דער פארמאטערטער נע-ונד׳ניק, טוליעט זיך צו דער כמו מולדת און שליסט א נייעם בלוט-בונד פון „אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני״ — ביז — צו א צווייטן פארראט, ווייל זי טרייבט ארוים און שלעפּט צוריק. אן אלטע, טויזנט-יעריקע געשיכטע — ניט מיר קאנען פון איר פּטור ווערן, ניט זי פון אונדז. אן אומגליקלאך זיווג.

3. 6. 46:

„בית-עולים״ — נוה-חיים ע״י חדרה.

. . . לעת-עתה געפינען מיר זיך אין בית-עולים און וועלן נאָך דאָ זיין בערך נאָך 20 טעג, ביז מען וועט אונדז געבן אַ פּאסיקע ארבעט (אַ „פּאסיקע ארבעט״ ווייל מיר זיינען דאָ צוזאמען אַ גרופּע קריגס-אינוואלידן פון מאדענער סאנאטאריום — איטאליע, וועלכע זיינען עולה געווען פון דעם אַזוי-בארימט-געווארענעם האפן לא־ספּעציא). עס זאָרגט זיך וועגן אונדז די סוכנות און הסתדרות.

אלע עולים באמיט מען זיך איינארדענען מיט ארבעט, ווייל ס׳קומען אָן און מוזן אנקומען נייע עולים און זיי וועט מען ווידער באשעפטיקן — יעדערן לויט זיינע ארבעטס-מעגלאכקייטן און לויט די באגרענעצטע אויפסנאם-פעאיקייטן פון קליינעם ישוב, וועלכער האָט פאר זיך די גרויסע אויפגאבע צונויפזאמלען אהער די גאנצע שארית-הפליטה. מ׳ארדנט איין די אלע עולים אויף אלערליי אופנים: איגדי־ווידועל, קאלעקטיוו, אין שטאָט, מושבות און קיבוצים. ניט אלץ ווערט רעגולירט און איינגעפּעדימט אין דער מסגרת (ראם), וואָס די אנ־פירנדיקע קערפּערשאפטן ווילן און אין וואס דער ישוב נויטיקט זיך. דער קליינער ישוב איז אַ קיבוץ-גליות פון אַ דור הפלגה. דאָך מערקט זיך אַ געניטע און שטארקע האנט, אַ גוטע ארגאניזאציע און, אָן אייזערנעם ווילן אָף באקעמפן און באזיגן די אלע שוועריקייטן. דער ישוב אין זיין גרויסן טייל — פארשטייט עס און האט משמעת (דיסציפּלין). ווער עס וויל ניט פארשטיין — וועט פארשטיין. אזעלכע ניט-געשריבענע געזעצן זיינען דא און גאנץ שטרענגע. דער היינט און דער מארגן פאדערט אַ קאמפּלעטע צעמענטירונג פון אלעמען. ריזיגע אנשטרענגונגען מאכט דער ישוב צו ברענגען דער שארית־הפליטה אהער. מ׳זאמלט זיי אויף אלע וועגן און, מען פירט זיי מיט אלע וועגן, ווייל פארן ישוב איז עס אַ פראגע פון זיין ווייטערדיקן קיום — פון יע זיין אדער ניט זיין. דער „להיות אדער לחדול״ איז קיינמאָל אזוי שארף ניט געווען ווי איצט. דאס אידישע פּאלעסטינע שטייט פאַר גרויסע נסיונות און ראנגלט זיך ביטער און מיט ווירדע

מיט אלע אינערלאכע און אויסערלאכע פינסטערע כוחות וואָס ווילן איר אומברענגען:

„וואס מער אידן אין ארץ ישראל, ווען ניט — זיינען מיר אליין פארלאָרן".

„אן א כסדר׳דיקע עליה — בלייבן מיר אין א געטאָ".

„מיר גיבן ניט אפּ אונדזער געווער — ווייל מיר ווילן ניט אויסגעקוילעט ווערן".

„דאס געווער געהערט דאָס פאלק — און קיין פאלק גיט ניט אָפּ פרייוויליק זיין געווער".

„דאס געווער באקומען אונדזערע שיסערס און — די קוילן אונדזערע שונאים".

דאס זיינען א טייל פון די לאזונגען אין דער טאג-טעגלאכער פרעסע. אנצאליקע גרויסע און קליינע פלאקאטן, מיט פייערדיקע כרוזים פון דער מחתרת שרייען אויס אויף די ווענט. פילסט בפועל־ממש אז דאס זיינען ניט קיין סתם־פראזן. מעשים באשטעטיקן זיי. די צייט פון הבלגה איז אוועק. דער ישוב געדענקט גוט די בלוטיקע מאורעות (געשעענישן) פון די יארן 1936/39. געבענטשטע הענט האבן אין פייער און בלוט אויסגעשמידט דער „הגנה" און געשיקטע שיסערס האבן באהערשט דאס געווער און דעם אראבער אוועקגעשטעלט אף די קני און אזוי שטייט ער עד־היום אין פחד און צעטומלט. „א קאָפּ פאר א קאָפּ" איז דער געבאט פון אריענט. דער ישוב הייליגט דעם אלטן געזעץ אף זיין שטייגער. טייער איז דא אן אידיש לעבן. טאפלט באצאלן די וואס דערשאצן עס ניט. דאס ווייסן גוט די אראבער און די ענגלענדער דא — פארטראכטן זיך אויך. יעדער פון די דריי פרעטענדענטן — זיינען אף דער וואך. אלע זיינען גרייט — יעדערער מיט זיינע מיטלען.

* * *

אף וויסטע זאמדן, אונטער גליענדיקער זון, אין בענקשאפט פון פאלקס־ראמאנטיק גאולה־געדאנק, האבן אידישע הארעפּאשנע הענט

פון יונגע, באַגייסטערטע פּיאָנערן, אויסגעגלעט און אויסגעשפּיגלט כבישים, באַפּוצטע פון ביידע זייטן מיט בליענדע פּרדסים אין שטאַרקן ווילן צו פאַרבינדן יעדער נקודה. (באַפעלקערטע פּונקטן). שמאַלינקע זיינען די כבישים, גוט־אַספּאַלטירטע און באַקוועמע, געבויט אַלס דרכי שלום. ניט פאַראויסגעזען האָבן די טרוימער, אַזאַ מענגע פון מחנות זעלנער, מיט אַנגעשטעלטע מיילער פון קוילנוואַרפערס, זאַלן היןּ־און־צוריק אין דער באַגלייטונג פון טאַנקען, מיט ראַדיאָ אַנטענעס, זיך גליטשן איבער די שייניקע, שמאַלינקע כבישים און, צעשטערן זייערע חלומות פון נאָענטער זעלבסטשטענדיקייט. יאָגן זיך די טאַנקען אײנע נאָך די אַנדערע, מאַכן „טיולים" איבער די קיבוצים, „באַשמעקן" איין מושבה, אַ צווייטע, מאַנעווירן אין אַלע פּונקטן, צעלייגן זיך אין מיטן העלן טאָג ביי הצתלבות־דרכים (קרייצונגען פון וועגן) אין אַ סטראַ־טעגישער פּאָזיציע פון הגנה און התקפה (פאַרטיידיקונג און אָנגריף) מיט אָפּעפּיסקעס פון קוילנוואַרפערס. אָפּגעשטעלט דעם ציווילן פאַר־קער. פון די לאַנגע שורות־אויטאָס טרייבט מען אַרויס די רייזנדע, מ׳רעווידירט זיי, ב׳באַטאַפּט זיי, מ׳עפנט די קלומקעס און מען פאַר־קריכט אין די הויזן־קעשענעס. דער חיפּוש איז געענדיקט. די העלדן פון דאַנקוירק ווערן באַגליט פון שנאה־בליקן, וועלכע זיינען הייסער און פלאַמיקער פון דער ברענענדיקער ארץ־ישראל זון. כ׳קוק אָן די אַלע מחנות פון אַלערליי פאָרמאַציעס. 60 טויזנט זיינען זיי דאָ אין דעם קליינעם ישוב. וואָס פאַר אַ גרויסן שטח פייער־ליניע וואָלטן זיי געקענט פאַרנעמען. ס׳דערמאָנט מיך אונדזערע שלאַכטן אין מזרח־פּרייסן און זייער „גבורה" דאָ און, ס׳פאַרקלעמט דאָס האַרץ און דאָס פּנים רויטלט זיך אין בושה פון אַזעלכע שותפים אין דעם גיגאַנטישן, בלוטיקן געראַנגל געגן אַ פינסטערן כוח.

פאַרענדיק פון חדרה נאָך קרית־חיים אין געסט צו אַבּרהמלען האָט מען מיך דריי מאָל רעווידירט און דאָס אַלץ אויף אַ שטח פון 60 קילאָמעטער, אָדער 90 מינוט רייזע.

די משטרה (פּאָליציי הויז) פון יעדן פּונקט איז אַזוי געבויט, אַז זי זאָל זיך שיצן פון אַלע זייטן מצד אַן אָנפאַל, אַ גרויסע ריזיקע געביידע, אַרומגערינגלט מיט אַ סיסטעם פון עטלאַכע שורות קאַמ־

בינירטע שטעכל-דראטן אױף אַ געװיסן מהלך אפּגערוקט אײנע פון די אנדערע. אױף די צװײ טורעמס פון יעדער משטרה, װאכן טאג און נאכט צופים. אױף די מגדלים (טורעמס) א ראדיא-אנטענע און קױלנ-װארפּעס. בונקערס ארומגעלײגט מיט זעק זאמד. ארום דעם בנין — א װאך. דער טױער שטענדיק געשלאסן און א באװאפנטע װאך. די צופים (אױסקוקערס) באװאפנט מיט אלארם-סיגנאלן. אַ בוכשטעבלאכע פעסטונג. אזױ האבן אױסגעזען אלע דײטשע גארניזאנען װעלכע האבן זיך באשיצט געגן אונדזערע פּארטיזאנישע אנפאלן . . . װער באדראָט זײ די געמישטע ענגלישע אראבישע משטרות? . . . װעמען קוקן אױס אזױ נערװעז די צופים?! נאכט אין נאכט צעשנײדן ריזיקע ליכט-װארפערס די ארץ-ישראל׳דיקע סאמעטענע הימלען אין לענג-און-ברײט פון דאס קלײן לאנד. די קילאמעטער-לאנגע און ברײטע פאסן ליכט — װעמען זוכן זײ אין דער פינסטערניש פון נאכט???! פײנטלאכע באמבארדירער אדער קלײנע אידישע עולים-שיפלאך, פײנטלאכע צנחנים (פאראשוטיסטן) אדער פארדעכטיקע שאטנס פון אידישע אױס-שפירער?

און עס פאסירט אנדערע מאל און — א משטרה װערט פלוצים אומשעדלאך. זי שפרינגט אין דער לופטן. די ריזיקע פראזשעקטארן װערן אויך אזוי פלוצלינג אױסגעלאשן. די ראדאר סטאנציע װערט פא-ראליזירט און אין דער שטילקײט פון דער נאכט, אונטער א שטארקער שמירה פון העלדישע בחורים און בחורות, שלײכן ארױס פארזיכטיק פון די ים-טיפעניש, אין קלײנע לאדקעס, קינדער פון אַן אומגליקלאך פאלק, רעשטלאך פון א גרױסן פארשטױסענעם שטאם, װעלכע זײנען אמאל, מיט 2 טױזנט יאר צוריק פארטריבן געװארן פון דאנעט, מיט-שלעפּענדיק פאר דער װעלט אַן אוצר פון 3 גרױסע געטער, װאס קױלענען אים כסדר און — װערן איצט אויך פארטריבן פון דעם לאנד װאס איז געװען זײן װיגעלע פון זײן אומגליק.

אַ פראגע צי דו װעסט עס דער האלטן, ס׳איז דאך נאך ניט נארמאל די פאסט-פארבינדונג מיט אױסלאנד. אבער שרײבן מוז איך. אזא זעלטענע מעגלאכקײט זינט אַן איבעררײס פון עטלאכע יאָר. איך האב עטלאכע יאר אזוי גוט װי ניט געהאלטן א פעדער אין האנט.

* * *

טראפּייעק — עסטרייך, 30־טן אקט. 1945:

„ . . . באלד דריי מאנאטן ווי מיר האבן פארלאזן אונדזער אמאליקער היים און מיטן רוקן־זאק אויף די פּלייצעס וואנדערן מיר איבער גרעניצן און לענדער פון דער צעטומלטער אייראפּע.

איצט געפינען מיר זיך אין לאגער טראפּייעק. מעגלאך אז די נאָענטסטע טעג וועלן מיר ווידער קריכן איבער בערג און טאלן און אנקומען אין איטאליע און פון דארט ווייטער פארן. און בא דער ערשטער מעגלאכקייט דיר לאזן וויסן אין וועלכן ווינקל פון אייראפּייעשן משוגעים־הויז מיר רוען אפּ . . .״

* * *

טראפּייעק — עסטרייך, 9־טער נאוו. 1945:

„ . . . מיר געפינען זיך שוין דריי וואכן אין דעם לאגער טראפּייעק. ניט לייכט איז געווען דער קומען אהער. א שווערער וואנדער־וועג, מיטן רוקן־זאק אויף די פּלייצעס איבער מלוכות און גרעניצן האבן מיר זי דורכגעמאכט. ניט לייכטער וועט זיין אונדזער ווייטערדיקער וועג. אזוי איז עס שוין דער גורל פון אייביקן וואנדערער...״

איטאַליע, 19. 12. 45:

„. . . ווי דו זעסט שפּרינגען מיר פון לאַנד צו לאַנד און איצט געפינען מיר זיך שוין דריי וואָכן אין איטאַליע — אין קאָמאָ 50 קיל. פון דער גרויסער איטאַליענישער שטאָט מילאַנאָ. איך מיט דוואַשקען געפינען מיר זיך צוזאַמען. אינגיכן וועלן מיר אָפּפאָרן אין אַ צווייטן פונקט דאָ אין לאַנד, וועלכער ווערט צוגעגרייט פאַר פּאַרטיזאַנער און מלחמה־קעמפער אינוואַלידן. איך בין איצט אין שליחות פון דער צענטראַלע אַף אַן אינספּעקציע צו איינאָרדענען די אַזוי־גערופענע אַפּרו־הויז פאַר אינוואַלידן.

אַזוי איז עס מיין ליבער! כ׳האָף אַז אויך אָט־דער שווערער וואַנדער־וועג, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין צעטל פון אונדזערע טראַגעדיעס — וועט זיך דאָך אַמאָל ענדיקן און מיר וועלן זיך נאָך זען. דאָס איז מיין איינציקער וואונטש — דער וואונטש פון מיין לעבן העכער צוויי יאָר אין די וועלדער, אין די שווערע מאַרשן געגן די היטלער־האָרדעס און, נאָך ביטערע שלאַכטן אַף דער פייער־ליניע. שטענדיק האָב איך געהאַט דעם גוואַלדיקן ווילן, פאַרלאַנג זיך נאָך זען מיט מיינע ברידער . . .״

* * *

29 אויג. 1952. תל אביב.

די היץ־כוואַליע, וועלכע האָט די לעצטע וואָך זיך איבערגעטראָגן איבערן לאַנד, האָט איצט אַ ביסל נאָכגעלאָזן. די זון סמאַליעט ניט אַזוי און פאַרנאַכט ווערט קילער אַ ביסל. דאָס קליינע לענדל (אין ערך פון 20 טויזנט קוואַדראַט קילאָמעטער) האָט איבער איר שטח פאַר־שיידענע קלימאַטן. אין ירושלים איז קילער ווי אין תל־אביב. אין נגב (די ארץ־ישׂראלדיקע סיביר ווי מ׳רופט עס דאָ אָן) איז הייסער און טריקענער ווי אין די אויבנדערמאָנטע שטעט. אין געגנט פון סדום איז די לופט ממש ווי מ׳זאָל שטיין בײַ אַ באַק־אויוון. אין גליל העליון איז ווידער אַן אַנדערע טעמפּעראַטור און אין גליל־התחתון איז ווידער עפּעס אַנדערש. היות, ווי אין עטלעכע שעה (בײַ אַ גוטער קאָמוניקאַציע) קענסטו זיין אויף אַ באַזוך אין אַלע ערטער און געניסן פון אַלע קלימאַטן (הייס, הייסער און נאָך הייסער) און ווערן אַ קלוגטשינקער מענטש, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: אוירא דארץ־ישׂראל מחכים. אַ לופט וואָס

מאכט חכמ׳דיק מענטשן — אל דבר זה יהיה קל בעיניך. אזא לופט קענען שאפן נאר סאמאראדנע יאנקעלאך, יאנקעלאך וועלכע קענען מטהר זיין א שרץ בק״ן טעמים, וועלכע קענען טריף מאכן א כשרע בהמה און צו מאכן פון מיר אן אנטיסעמיט רחמנא ליצלן.

שרייבנדיק די שורות פון דעם בריוו, וועלכער איז באצייכנט מיט דער דאטע פון 29 אויגוסט, האב איך זיך דערמאנט, אז היינט איז פונקט דער 10־טער יארצייט נאך אונדזער מאמעס טויט, און 10 יאר פון מיין ראטעווען זיך פון דעם טויט, וועלכער איז געווען מיר „צו־געמשפט״ צוגלייך מיט אלע אידן פון אונדזער שטעטעלע. א דאטע וואס זי איז די אומעטיקסטע אין מיין לעבן.

מיט 10 יאר צוריק, אויך אין אזא זוניקן פרימארגן, בין איך געלאפן. (דאס קאפיטל פון מיין דאזיקן אנטלויפן איז ביי מיר פאר־שריבן און ער ציט זיך אויס אויף איבער 20 זייטן שרייב־פאפיר). געלאפן בין איך אונטער א האגל קוילן פון א צענדליק נאכשיסער נאך מיר מיט מיינע נאך 2 חברים. דער עצם אנטלויפן איז ממש כמעט ווי אומגלויבלאך — אזעלכע באדינגונגען זיינען דאן געווען, און דער עצם פון ראטעווען זיך איז אויך אַ מעשה׳לע פון „טויזענט און איין נאכט״. איך דערצייל דא גארניט, נאר דערמאנט האב איך זיך און בולט זיינען געווארן פאר מיינע אויגן יענע גרויל־מאמענטן (דער מאמעס טויט און מיין לעבן בלייבן) וועלכע איך וויל זיי דא ניט בארירן.

היינט, שיינט צו זיין ווידער אַ הייסער טאג און — דער עולם וועט קרעכצן. קיין אומה אויף דעם כדור־הארץ קרעכצט ניט אזוי פיל, ווי עס קרעכצט דאס אידישע פאלק און — אן אידישער פרט, יחיד. אין וואקאלן־מעכאניזם פון אן אידישער האלדז, איז פאראן אַ ברג — אַ שרייפעלע, אדער אַ קנאפקעלע וועלכע רופן ארויס דאס קרעכצן. אן אידישער קרעכץ איז ניט סתם א קרעכץ אין דער וועלט אריין. ער איז מיט באדייטונגען און מיט אינטאנאציעס. אן אידישער קרעכץ איז ווי א כתב־חרטומים. מ׳באדארף קענען עס פאנאנדער־שיפרירן. כאָפּ אויף אן אידישן קרעכץ אין תווי־נגינה (נאָטן), אין דער שפראך פון רא־מי־פא און ס׳וועט זיך באקומען אַ משונה׳דיקע סימפאניע; פון א דין, קורצן אויקעלע — דינער ווי די קלאנגען פון א קול דק בדממה, און גלייך נאכדעם — א לאנגן, אויסגעצויגענעם,

הייזעריקן אוי אוי, ווי פון מאַטקע־דעס־שערערס באַנדורע. אנדערע מאל איז דאס קרעכצן מיט הפסקות, מיט א היסח־הדעת פון יוסטער, בעל־הבתי׳שער אויסגערעכנקייט, אט אזוי ווי ס׳קרעכצט אַן איד, מיט א ברייטער אויסגעקאַמטער באָרד, אַן איד אַן עושר, ווען אַן אלמנה קומט צו אים פאַרזעצן אירע לייכטער, כדי מפרנס צו זיין אירע יתומימלאך. פון א גאנץ אנדער אקטאַווע איז דאס קרעכצעלע, ווען די אלמנה קומט אויסקויפן בא אים דאס משכון.

אז אן איד איז בעל־כרחו מנדב א גראַשן אויף צדקה־זאכן — אומבאַדינגקט קרעכצט ער דאַן, און אין זיין קרעכצן פילסטו עפּעס חוצפּה׳דיקעס. נעמט אן איד פון צדקה־פּושקע — קרעכצט ער ווידער; פילסט אין דעם קרעכץ הכנעה, שפלות, געפאַלנקייט, קריכעדיקייט. אין סך־הכל איז דער קרעכץ א נבזה׳דיקער.

און ווען קרעכצט אן איד נישט? ! ער קרעכצט אף יענעמס מי יחיה און ער קרעכצט אף זיין מי־ימות. ער קרעכצט ווען דו מאַכסט א לעבן און ווען ער נעמט ביי דיר צו דאס לעבן (דאָס מיינט ניט דווקא די נשמה, נאר — געלט, און דמים — תרתי משמע). ער אויקעט ווען דו האסט א פרידזשידעיר וועסטינגהאוז מאָדעל 1952 און ביי אים שטייט אין קיך פון מאָדעל 1951.

אן איד איז מסוגל דיר אריינצוקריכן אין דיינע ביינער און בעת־מעשה הערסטו צוזאמען מיט זיין טאַפּטשען דיר אויך א קרעכצעלע פון באַזונדער באַדייטונג: אי ער האט הנאה, אי ער האט רחמנות.

דאס אידישע קרעכץ איז זייער א קאמפּליצירטער וואקל. דאס איז אן ענין פאר וויסנשאַפט־לייט. מ׳באַדאַרף עס אויסלערנען.

א גוי, אין זיין קלויסטער, זינגט ער אויס זיינע תפילות צו זיין גאט. אן איד אין זיין בית־המדרש — קרעכצט ער זיי אויס.

„מה טובו אוהליך יעקב” איז דאך, דוכט זיך גאנץ גוט, אבער יאנקעלע, אויסזינגענדיק אט די רחבות׳דיקייט פון אזא שפע, קרעכצט ער ווי מ׳וואלט אים באַרויבט און געקוילעט.

האט א יאנקעלע עפּעס א מיחושל פאַראויקעט ער א וועלט, און זינגט ער אויס „אדון עולם אשר מלך” איז פּונקט ווי ער וואלט זיך אליין א לויה געמאַכט — אזוי פיל קרעכצט ער.

א מגיד פילט אוים זיין דרשה מיט תלי־תלים פון קרעכצעלאך וואס יעדער פון זיי האט א באזונדער קוועטש און קוויטש.

בערל־פייוול דער שמש, וועלכער האט געהאט 2 פארזעסענע טעכטער, האט געקרעכצט אויפן בימה און ר׳ לייב־הערש גאלינסקי האט אויך צוגעאויקעט שטייענדיק אין מזרח־וואנט . . .

* * *

א הייסער טאג וועט היינט זיין. ס׳איז נאך פרימארגן, ערשט 9 דער זייגער און די זון סמאליעט.

וויפל קרעכצן וועל איך זיך היינט אנהערן?

טרינקט אן איד א גלאז סאדא־וואסער. נאך יעדער זשליאקע, טשאקעט ער מיט די ליפן און קרעכצט . . .

וואָס קרעכצט איר ר׳ איד — פרעג איך אים?

אַי, אַי, אַי! שטאַרק קאַלטע וואַסער, אַ מחיה! ממש גן־עדן וואַסער אין אַזאַ היץ, ער פארגייט זיך אין א לאנגן, געדרייטן קרעכצעלע, א קרעכצעלע פון הנאה איז דאס. אן איד ווען ער איז מסדר דעם תשמיש־המטה — קרעכצט ער אויך.

* * *

נעם צו בא אן אידן דעם קרעכץ, און בא א רוסישן מענטש — דעם „אין דער מאמען אריין" און זיי ביידע פארלירן דעם זין אין לעבן, זיי ווערן הילפסלאָזע באשעפענישן.

* * *

מיט 10 יאר צוריק אין דער צייט האב איך זיך געפונען אין גרויל־באדינגונגען און, מיר דוכט זיך, אז איך וויל א קרעכץ טאן.

* * *

דער בריוו מיינער איז אָן אַ תכלית. סתם אין דער וועלט אריין. די פען סקריפעט, דאס פאפיר שוויצט, און איך אליין — שוויץ אויך.
זיי געזונט און אַ גרוס פון אונדז אלעמען
דיין . . .

פון בריוו 50 .5 .8:

דו דארפסט אָנקוקן ווי א מדינת-ישראל צאַברעלע, אַ פישערל פון 3 יאר, ווי ער איז חוצפה׳דיק און שלאגן שלאגט ער זיך ווי א גרויסער איוואַן, און באַליידיקסטו אים, זיי זיכער אז קיין גאנצער וועסטו פון דעם קליינעם שמענדריקל ניט ארויסגיין. ער וועט דיר באַגלייטן מיט א מבול זידל-ווערטער, און מיט אים גייען מיט זיינע חברים׳לאך, אויך 4-3 יאריקע פישערלאך און אלע וועלן זיי דיר נאכ-זינגען אין כאָר: „אתה חמור-בן-חמור, אתה כלב-בן-כלבה, אתה ממזר-בן-זונה״, און א לעקסיקאָן פון קללות וועסטו הערן — אַ געמיש פון אידישע, אראבישע, טערקישע און זייער אפט אין „דער מאַמען אריין״ אויף אַן עכטן רוסישן שטייגער און אין אָריגינאַל. הכלל — וואס זאל איך זאגן, אז כ׳האָב באמת פון זיי הנאה. ס׳איז א חברה קליינוואַרג, אַ שטאָלצע און גלייכצייטיק אַ צובאַלעוועטע, און אין קאַשע לאָזן זיי זיך ניט שפייען, און שלאָגן שלאָגן זיי זיך ווי אמתע באקסערס, לויט אלע כללים פון אריינפאָכען יענעם אין דער זיבעטער ריפּ אריין.

* * *

פון בריוו 48 .7 .15:

. . . מ׳דארף ניט שיקן קיינע פאַקעטן. טו מיר אַ פרעזענלאכע טובה, כ׳בעט דיר און שיק ניט קיינע פאַסילקעס. מ׳באַקומט אלץ אין תל-אביב. אין אַנדערע פראדוקטן איז אַ מאנגל, למשל אין פלייש און פוטער, אבער ס׳קאָסט נאָך עטלאכע פיאסטער און דו האסט עס. ס׳איז מלחמה און מיר זיינען געוואוינט מיט אזעלכע זאכן, פשוט געזאגט — זיך פון לאנג איינגעלעבט מיט דעם. פאר א האלב פונט באקומסטו אין תל-אביב א מיטאג מיט א פערטל הון און נאכדעם פארטרינקסטו מיט א גלאז ביר און ס׳קאסט ווידער 9 פיאסטער. אונז האט נאָך קיין זאך ניט געפעלט. ס׳איז פאראן אלץ. דער יקרות פארשטייט זיך בליט און די ספעקוליאציע אויך און ס׳איז דאך אלץ אזוי נארמאל — ווי אין מלחמה צייטן. כ׳מיין מיט דעם וואס איין טייל גייט אָפּ מיט בלוט אויף די פייער-ליניעס און אַן אנדער טייל ווערט פעט און סוואַקסט אָן אויף אים ווילד פלייש. גרויסע פעטע קראָען זעסטו שטענדיק אויף דער

פייער-ליניע. זיי האבן געגנוג רויב און דער שלאכט-פעלד איז זייער פענסיאָנאַט. כ'האב זיי געזען באזונדערס אויף די שלאכט-פעלדער אין מזרח-פּריסן. גאנצע סטאַדעס זיינען זיי געפלויגן און געפיקט האבן זיי די אויגן פון געפאַלענעם רויט-אַרמייער צוגלייך מיט היטלעריסטישן ס.ס'עניק. כ'האָב דעם איינציגן פאל אין מיין לעבן געזען, ווי ס'זעט אוים אמתע דעמאקראטיע און כ'גלויב נאך איצט אז קראהען זיינען די עכטע אחוות-עם-ניקעס. כ'האב דאך אליין געזען ווי מיט זייערע שנאָבלען האבן זיי געריסן פלייש פון מיינעם א געפאלענעם חבר און צוגלייך פון א גע'פייגערטן היטלעריסט.

פון בריוו פון 31 מאַי 1948:

„ווייטער איז בא אונדז קיינע נײַעס. ס׳איז מלחמה מיט אלע אירע לאַסטן און מיט אלע אירע שרעק. די מלחמה ווערט וואס אמאָל פארעקשנ׳טער, פארביטערטער און דערפירט צו אלץ ווייטערדיקע גרוילן. קיין ברירה ניטאָ. מ׳האט איר אונדז אנגעוואָרפן דא. ביסט ניט דא אויפן ארט און זעסט ניט טײַלווײַז מיט אייגענע אויגן, וואלסטו עס ניט געגלויבט. ס׳איז ניט צו גלויבן. אבער ס׳איז פאקטיש אזוי. אין קריטישע מאמענטן, ווען די גוט באוואפנטע פיינדליכע כוחות מיט שווערע טאנקען שטעלן אין געפאר אוועלכן ס׳איז פונקט, באזונדערס האט עס פּאַסירט אין עטלאכע קיבוצים — גאַרטלט זיך א בחור אָרום מיט א „מאלאטאוו״ גראנאַט, וואַרפט זיך אונטערן טאנק און ווערט צעריסן צוזאמען מיט אים און אזוי צורייסט זיך אַ צווייטער בחור מיט אַ צווייטן פיינטלאכן טאנק, און די אַטאַקע ווערט אפגעשלאגן, ווי ס׳האט פאסירט אין דעם שטח פון די דגניה׳ס ביי ים כנרת. בעווין האָט באַ־זארגט מיט אַמוניציע לייכט און שווערע די אלע אראבישע מלוכות און מיט ענגלישע ספּיט-פייערס באַמבאַרדירן זיי דעם ישוב.

* * *

פון בריוו פון 10־טן יוני 1948:

„און די מלחמה האט דאך אנגעווארפן דעם קליינעם הארעפּאשנעם פרידלאכן ישוב, דער גרויסער אינטערנאציאנאלער זשוליק בעווין, וועלכער האט באוואפנט אלע אראבישע מלוכות און זיי אָנגערייצט אויף דער יונגינקער קליינינקער אידישער מלוכה, וואס ווייזט ארויס אזא גבורה, וואס זעלטן ווען מ׳קען עס געפינען אין דער קריגס־געשיכטע פון פעלקער. דאס אלץ איז דיר געוויס באקאנט. אבער זייענדיק דא אויפן ארט, זעסטו מיט די אייגענע אויגן מער ווי ס׳דערציילן דיר טרוקענע באריכטן פון די פראנטן און פון דער האלטונג פון דער ציווילער אידישער באפעלקערונג, וואס אזא האלטונג איז אויך א זעלטענע גבורה.

מ׳דארף ניט גלויבן די ענגליש-אמעריקאניש פּראָ אראבישע פּרעסע, וועלכע פאַרפּלייצט דער וועלט מיט א מבול ליגנערישע ידיעות און זיי דערציילן דיר פון אראבישע נצחונות און פון בהלה-שטימונג אין דעם אידישן ישוב. ס׳איז א מלחמה, א פאקטישע מלחמה, מיט פראנטן, מיט ארטילעריע, און מיט עראפּלאנען וועלכע זייען טויט. און ווי ס׳פּאסירט אין א מלחמה, האבן ביידע צדדים צו פארצייכענען געוויסע דערגרייכונגען איינער אויף איין אפשניט, דער אנדערער אויף א צווייטן פּונקט. די קליינע אראבישע נצחונות וועלכע זיי האבן געהאט אין א פּאר פּונקטן, צעשמירן זיי די אויבנדערמאנטע פּרעסע און די אידישע כסדרדיקע נצחונות פארשווייגן זיי. זאל זיין גענוג מכוח דעם . . .

* * *

פון בריוו 20. 6. 48:

„כ׳מיין אז איצט וועט זיין נארמאלער די פּאָסט, אויב נאכן חודש שטיל-שטאנד דא, וועט ניט קומען קיין נייע אויפטרייסלונגען מיט דער באנייטער מלחמה וועלכע וועט זיין אלץ מער פארביסענער. דערווייל דארף זיין ביזן 9-טן יולי „הפוגה״ ד. ה. שטיל-שטאנד. און די ווייטערדיקע אנטוויקלונג איז אפּהענגיק פון דעם גרויסן סאציאליסטישן זשוליק בעווין. ער איז דאך דער איינציקער קאפּעלמייסטער פון דעם ארקעסטער און ער האט די אלע אראבישע מלוכות איינגעטיילט די ראליען און לערנט די מדבר-לייט שפּילן די אַנגלאָ-זאקסישע נאָטן. און זיי שפּילן זיי גוט, ס׳הערט דער גאנצער ישוב זייער סימפאָניע. ס׳הערט יעדער איינער דעם זשומען פון בעווינס-אבדאלאַס עראפּלאנען איבער די חלוקה-הימלען פון 29טן נאוועמבער, און אין תל אביב אליין זיינען שוין צענדליקער מענטשן צעריסן געוואָרן פון דער מוזיק. ס׳הערט דער ישוב דאס פייפן פון די בריטישע שראַפּנעלן און דאס גרילצן פון לייבאריסטישע טאנקען. אבער דערזעלבער ישוב ווייזט ארויס וואונדער פון גבורה און שלאגט צוריק די אלע אנפאלער.

„אויף וויפל איך געדענק נאך פון מיינע קינדער יאָרן און פון די מיינונגען פון מיינע מלמדים און לערער, איז, לויט אלע זייערע און

מיינע אייגענע פארשטעלונגען –- די תפיסה ביי מיר געווען זייער אַ שווערע. ס'איז מיר שווער געווען פון דער ערשטער מינוט תופס זיין אַן ענין און ס'האט ניט געהאלפן די שטורכעס פון בייזן רבין און, אין די שפּעטערדיקע יארן, ווען כ'בין שוין א זעלבסטשטענדיקער מענטש געווארן — די קלעפּ פון לעבן. פאראן נאך איצט אין מיין עלטער, וואס כדי צו תופס זיין געוויסע מאמענטן העלפט אפילו ניט דאָס וועלן מיט דער אייגענער קאָפּ צוברעכן א וואַנט . . .

פון בריוו 48 .7 .20:

„שוין 2 טעג אז תל אביב ווערט ניט באמבארדירט פון דער לופט און דאס הייסט, אז 2 טעג האט תל-אביב ניט געגעבן קיין קרבנות די לופט-פיראטן, וועלכע ווארפן זייערע באמבעס מיטן איינציקן ציל צו הרגענען מענטשן, און דעם לעצטן שבת זיינען געוועזן פון אזא לופט אָנגריף 12 טויטע און איבער 40 פארוואונדעטע. עס האט געדארפט זיין פון נעכטן אָן וואפנשטילשטאנד לויט דעם באשלום פון לייט-סאָקסעס, און דער אריסטאקראט בערנאדאט קומט ווידער אהער אָפּ-נאַרן דער אידישער מלוכה און איר פארטאכלעווען בעווינען מיט טרומאנען מיט אַבדולאן. דערוויל שלאגט מען זיך אויף אלע פראנט-אפשניטן, הגם די הפוגה האט שוין געדארפט נאך פון נעכטן אריינגיין אין קראפט. כ׳האב נאך ניט געזען קיין פרימאָרגן-צייטונג. כ׳גיי אין גאס קויפן און מסתמא וועט זיין ניים אין זיי מכח דעם שטיל-שטאנד וואס דארף ווידער הערשן אין דער הייליקער לענדל וואס אלע רעליגיעס האבן איר אזוי פארפאַסקודיעט.

. . . פאר געלט באקומסטו אלץ און ס׳איז אלץ פאראן. די ארגאניזאציע פון דער יונגער אידישער מלוכה אויף אלע געביטן קלאַפּט ניט שלעכט, נעמענדיק אין באטראכט דעם תוהו-ובוהו וואס אלערליי שונאים האבן געשאפן און אין אים און דורך אים געוואלט דערשטיקן דעם ולד, איידער ער האט דערזען די ליכטיקע וועלט.

* * *

פון בריוו 48 .7 .31:

בא אונדז אין לאנד איז איצט רואיק. די גרויסע אידישע נצחונות אויף אלע פראנטן האבן באוועגט די אלע וועלט-גבאים ווידער מאכן א הפוגה כדי אָפּראטעווען די אלע אראבישע מלוכות מיטן בריטיש-אראבישן — עבר הירדן לעגיאן בראש פון א פולשטענדיקן צוזאמענ-ברוך און ווען די הפוגה קומט מיט עטלאכע טעג שפעטער, דאן וואלטן שוין די אידישע מלוכה-אפטיילונגען באהערשט גאנץ ירושלים און פאר-טריבן די אלע אראבישע מיליטער ווייט איבער זייערע גרעניצן. אזוי

איז פאקטיש די לאנגע געווען. דערווייל איז אן אַטעם־פויזע. תל־אביב קוקט ניט אויף די הימלען, לויפט ניט צען מאל א טאג אין די מקלטים און באגלייט ניט טאג־טעגלאך אירע קרבנות אויף די בתי־הקברותן. וואס ס׳וועט זיין מיט דער הפוגה, צי זי וועט לאנג דויערן, צי דאס איז שוין די לעצטע הפוגה — ווייס נאר איין אדאלף־בעווין. ווי ער וועט ציען די שטריקלאך, אזוי וועלן זיינע ליאלקעס טאנצן. דער אידישער ישוב, דאס אידישע צבא, און די אידישע רעגירונג האבן באוויזן אזא שטאנדהאפטיקייט, אז בעווין אליין איז ניט איין מאל פארוואנדלט געווארן אין א נארישע ליאלקע . . .

פון בריוו עלפטן סעפט. 1948.

. . . אקעגן איבער מיין פענסטער שפילט א גאַרמאָשקע רוסישע לידער. אלע שבת שפילט אויף איר דער בעל־הבית פון דער גארמאָשקע. א גאנצע וואך האט ער ניט קיין צייט. 26 יאר איז ער דא אין לאנד און אזוי פיל יארן בענקט ער אוים און שפילט אוים די פיינע סענטימענטאלע מעלאדיעס פון דעם רחבותדיקן לאנד פון דער מאַטושקאַ ראָסיאַ. אנדערע מאל שפילט ער אינדערוואכן ביז שפּעט אין נאַכט. איך הער די לידער און כ׳זע דאס לאנד. כ׳זע מאסקווע און טאמסק, כ׳זע די פּארטיזאנישע פּארוויילונגען אין וואלד און כ׳הער זייער שפּילן. 2 ריזיקע גארמאָשקעס [באַיאַנעס] זיינען געווען אין אונדזער אָטראַד און 2 גוטע שפּילער זיינען דארט געווען, ווירטואָזן אַף דעם געביט, און ווען זיי האבן געשפּילט האסטו געזען די אומענדלאכע רוסישע סטעפּעס, די אור־שפּרינגלאכע טייגעס און האסט גלייכצייטיק געהערט ווי דאס גרויסע רוסישע פאלק וויינט און קרעכצט, זינגט און פריידט זיך.

ער שפּילט אויף דער גארמאָשקע און איך הער די לידער און ס׳נאָגט א בענקשאַפט אהין, צו אונדזער שטעטעלע וועלכע איז ארום־געפּוצט איצט מיט גרינע לאָנקעס, מיט שמעקעדיקע פעלדער, מיט די וואסערן פון דער שטשאַרע און מיט א גארטל פון וועלדער, און ארום שטעטעלע זיינען דערפער. כ׳געדענק זיי גוט. אין פינסטערע נעכט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין זיי. א סך פּאַסירונגען האט פּאַסירט מיט מיר. און צווישן די דערפער טיילן זיך אוים 2 קליינע דערפלאך. צווישן זיי — כ׳האָב אליין ניט געפּילט ווי כ׳האב פארקראכן אין יעהופּעץ.

. . . און די גארמאָשקע קעגן־איבער מיין פענסטער שפּילט איין מעלאדיע נאך דער צווייטער. ער שפּילט גיך און שפּרינגט פון איין ליד צו דער צווייטער. און אט שפּילט אוים די גארמאָשקע א פריילאכע, ווייסרוסישע פאָלקס־געזאנג, געננו די ליד וואס כ׳האב געהערט דאן, ווען ס׳איז ביי אונדז די ערשטע שחיטה און אויף אונדזער גארטן האט איינער א ווייסרום רייקא געשפּילט די זעלבע מעלאדיע, ווען מ׳האט די אידן געקוילעט. דאָ רייס איך איבער דעם שרייבן און וויל אז די גארמאָשקע זאל אויך אָפּהאָקן אירע טענער...

פון בריוו 18. 9. 48 :

. . . און דער לעבן איז א גאנץ אינטערעסאנטער דאָ. דו האסט ניט קיין באַרוטע מינוט. נאך אזא לאנגן גלות-לעבן אין דער גאנצער וועלט איז מען ברוך השם געווארן אליין א בעל-הבית. מ׳האט שוין אַן אייגן-לאנד, מ׳טרעט אויף אייגענעם באָדן און ישראליק איז מיט לייטן גלייך. ער האט מיניסטארן, דיפלאמאטן, גענעראלן, פירט שלאַכטן און האלט אַפּ נצחונות אַף די פראנטן און אין דער פאליטיק. ער זיצט גלייך מיט אלע עשיו׳ם ביים טיש. הגם אנדערע פון זיי קרימען מיטן נאז, עס שמעקט זיי ניט דער אידישער קנאַבל און ס׳שטייט זיי ניט אַן דער יחוס. אבער מיט דער צייט דארף מען האפן וועט מען זיין חבר. מיר דארפן דא אַ ביסל זיין מער חוצפה׳דיקער, אביסל מער אַגרעסערישער, פאַרכאַפּן נאך טעריטאריע, פארטרייבן די אראבער טיפער אין די מדבריות, ארייננכאפן זיך אין עבר־הירדן. דער ווילן צו דעם איז פאראן, דער אַפּעטיט איז אויך גרוים. אַביסעלע מער שייגעץ און דער גאנצער אום (אונאָ), די גאנצע בליאַדסקע געזינדל וועט פון דיר הנאה האבן, צוקלאַפּן אין די פלייצעס און ווערן בגילופינדיק הירזשען „אחינו אתה״, ישראליק דו ביסט אַ יאַט, אמאל ביסטו געווען א נבזה׳דיקער זשידליאַקל, א ווייך שטיקל טואלעט-פאַפּיר, היינט ביסטו מאנשי שלומינו. מיר האבן פון דיר נחת. דו לערנסט שנעל די מלאכה, דו קוילעסט ווי א פאַכמאַן, דו שיסט און טרעפסט אין ציל. אַחוץ דעם האסטו ארויסגעוויזן גרוים בקיאות אין הלכות מלחמה. מיט סטענדלאך און ברענדלאך האסטו פאריאגט בריטישע טאנקען און מצרישע פאַנצערם. וואס אַן אמת האבן זיי אנגעמאכט א חורבן, זיי האבן אַפּגעווישט פון דער ערד עטלאכע צענדליק בליענדיקע מושבות און אונטער זייערע חורבות ליגן פארשאטן א ביסל דיינע גענאָסן. ס׳טוט אונדז ווי דאס אומישע הארץ (אומות מאוחדות : אין עברית פאַרקירצט או״ם און אין אידיש אונאָ), ס׳איז אויך אַ חרפה, אבער „אַחינו אַתה״, גוטער ברודער, מיר זאגן צו אויף ווייטער מער פארשטענדעניש פאר דיר.

און די אלע איבעריקע נייס אין לאנדס-מאשטאב זיינען דיר באוואוסט. דאס לענדל איז דאך כסדר אויף דער טאג-ארדנונג פון דער גאנצער וועלט. זי לאזט ניט אָפּ אַף אַ רגע פון זיך די אויפמערק-

זאמקייט. איצט גייט די סדרה פון בערנאדאָטס דערמאָרדונג. נאך מיין מיינונג איז עס אַ געמיינער מאָרד. נאר ווער עס קאן דאס לאנד, ווער עס ווייס די היגע באַדינגונגען און ווער עס זעט די קנאים דא וועט פארשטיין, אדער האט פארשטאנען, אז בערנאדאט וועט שלעכט אָפּשניידן. ס׳הענגען נאך איצט אויף די ווענט פון תל-אביבער הייזער די פלאקאטן פון לח״י (לוחמי חרות ישראל, אדער ווי זיי זיינען באקאנט אונטערן נאמען „שטערניסטן״), וואס זיינען צוגעקלעפּט גע־ווארן נאך מיט 2 וואכן צוריק, און דאס איז זייער אינהאלט אין 5 געציילטע ווערטער: „עצה לסוכן ברנאדוט להסתלק מארצנו״, און א קאַריקאַטור פון אים, ווי א שוך שטויסט אים אין הינטער-חלק. אין דעם אינהאלט פון די 5 ווערטער איז שוין געלעגן די קויל פאר בערנאדאטן. זיי די קנאים וועלכע זיינען געגאנגען אויף די תליות, און לאזן איצט זייערע יונגע לעבנסלוסטיקע קערפּערס צופליישן פון בעוועניש-אראבישע קוילן, ווילן ניט האבן קיין אגענטן, וואס ווילן אומברענגען די אין חבלי-לידה אנטשטאנענע יונגע אידישע מלוכה. די קנאים שפּילן זיך ניט אין הויך-דיפּלאמאטיע און ריידן ניט פאר־שטעלט און די קויל איז די שפּראך זייערע, וואס דעצידירט און ליקווידירט דעם אָביעקט, וואס איז א מחסום (באריקאדע אדער פאר־שפּארונג) אויפן וועג פון דער גאולה און צו דער גאולה פון שווער געלייטערטן פאלק ישראל. זיי די קנאים האבן ניט ארויסגעטריבן די קנאים פון פראנט-טיר, כדי בערנאדאט זאל אים אריינפירן דורך דער הינטער-טיר, און אריינכאפּן זיך צוריק וויל בעווין מיט אלע מיטלען און מיט אלע וועגן.

און דאס איז ניט די לעצטע קויל וואס וועט נאך דא אין דעם קליינעם אומגליקלאכן לאנד אפּהילכן. ס׳וועלן נאך קומען גאנצע זאלפן. דער וואס קוקט מן הצד און זעט דעם גרויסן געראנגל, וואס ווערט געפירט מחוץ די גרעניצן פון דאס לאנד און אין לאנד גופא צווישן זיך, אין דעם אייגענעם לאגער, קען צו קיין אנדערע אויס־פירונגען ניט קומען.

מיין טייערער: כ׳האב שוין געסט און רייס איבער דעם שרייבן און בעסער געזאגט איך פארענדיק.

פון בריוו 48 .12 .13:

. . . דא בא אונדז אין לאנד האט זיך איינגעשטעלט דער ווינטער און ס׳רעגנט אָן אַן איבעררייס. מ׳קען פון שטוב ניט ארויסגיין, און אין שטוב טרייסלט דיך די קעלט און ס׳בענקט זיך נאך דער ביטענער קאַכליאָווער אייוועלע, און דו קריצסט מיט די ציין ווען דו דערמאנסט זיך ווען מ׳עמען ס׳ווארעמען איצט די ביטענער אייוועלאך און ווער ס׳באלעבאטעוועט אין די הייזער פון די אויסגעקוילעטע אידן. כ׳זיץ שוין א פּאר שעה אין מיין צימער און קען ניט ארויסגיין אין גאס צו דערליידיקן עטלאכע ענינים מיינע, ווייל ס׳גיסט ווי פון צובערס. 15 מינוט אזא רעגן [אין תנ״ך ווערן זיי באצייכנט ווי „גשמי־זעף״, אדער „מטרות־עוז״] און די גאסן זיינען פול מיט טייכן וואסער און די גאנצע פוס־גייער באוועגונג ווערט אפּגעשטעלט. מ׳קאָן ניט אריבערגיין אין דער ברייט פון איין זייט טראטואר צו דעם אנדערן, און מ׳דארף באנוצן לאָדקעס, אדער גיין ביז די קני אין וואסער. נאך די 15 מינוט גשמי־זעף ווייזט זיך די זון, די הימלען ווערן ריין, די וואסערן פליִיצן שנעל אָפּ און ס׳איז צוריק טרוקן. כ׳האב דיר איינמאל באמערקט ווי משונה׳דיק דאס לענדל איז: 8 מאנאטן אין יאר א ברענענדיקע היץ און די הימלען גיבן ניט קיין איין טראפּן וואסער, 4 מאנאטן רעגנס אן בושה, און א גאנץ יאר שיסט מען דא (אפילו אידן אַף אידן אויך). 12 מאנאטן גרינען די פעלדער און דריי מאל אין יאר זייט מען, און ברויט מיט קארטאפל, מיט ציבעלע ווי אויך רעטאך אימפּארטירט מען פון חוץ־לארץ. אלץ בליט דא שנעל און אַזוי שנעל וועלקט עס. און משונה׳דיק איז דאס לענדל און ניסים ונפלאות אָן א צאָל. „הייליקע״ ערטער איז דא אין איר אַ שלל און אין איר ערד ליגן באהאלטן אלע אפּאָסטאלן פון די רוצחישע, גרויסע רעליגיעס, א משונה׳דיק לענדל, באמת אַ מאָדנע.

און אז ס׳רעגנט איצט דערמאן איך זיך אַ צווייטן רעגן. אומ־געפער מיט א יאר צוריק. עס האט אויך געגאסן ווי פון אַ געדיכטע זיפּ און מ׳האט ניט געקענט ארויסגיין פון שטוב, ווייל מ׳האט געשאסן פון אלע זייטן, און ווי זאגט אַ רוסישער שפּריך ווארט — אַ קויל איז א נארישע באשעפעניש, זי פליט און פיקט אין עמיצן אריין, ניט פון

רשעות, נאר סתם אזוי, זי פילט אוים איר אויפגאבע פון צוטרעטנען עמיצן. ס׳איז אנשטענדיקער ניט באקענען זיך מיט איר. ס׳איז גלייכער בלייבן זיצן אין שטוב. די אראבער פון מנשיה (אַ קוואַרטאַל אין יפו) האבן העפטיק באשאסן דעם טייל תל־אביב וואס גרעניצט זיך מיט מנשיה. די שיסעריי איז געווארן שטארקער פון מינוט, גראנאטן האבן זיך געריסן אין שטח פון אונדזערע הייזער, ס׳איז געווען אין אָוונט. אין א געווינסן מאמענט, זיינען מיר (איך, דוואשקע און שמואל) ארויס־געשפרונגען פון די בעטן, גיך זיך אנגעטן, ארוים פון שטוב, זיך געשארט ביי די ווענט, דורך הויפן זיך ארייגגעכאפט אין רחוב גרוזנבערג, פון דארטן אויף אלענביי גאס, און עטלאכע שעה אונטער א גוס רעגן אויסגעווייקטע, געזוכט א האטעל צו איבערנעכטיקן, און קיין איין אייגנטימער פון די האטעלן האט אונדז ניט ארייגגעלאזן (זיי האבן מורא געהאט מיר זאלן ניט מאכן קיין פלישה [אינוואזיע] און פארכאפן א צימער און ניט וועלן ארוסגיין, און אויב מיר צאָלן פאר אים לויט דעם רעגירונגס־פרייז טאר ער אונדז ניט ארויסווארפן, און אין דעם פאל פארלירט דער אייגנטימער פון אכסניה די מעגלאכ־קייטן פון ספעקולאַציע פרייזן [דאס איז א באזונדער קאפיטל פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלאכקייט און שאנדע]) דער רעגן גיסט, מיר זיינען דורכגענעצט, דער זייגער איז שוין 2 נאך האלבע נאכט און הגם די שיסעריי האט זיך איינגעשטילט, האבן מיר דאך באשלאסן, די נאכט איבערנעכטיקן ערגעץ אנדערש, זיינען מיר אוועק אַף שדרות־חן (סימפאטישע אלייען) דארטן וואו ס׳האט איר דירה ר. ג. און מיר האבן דארטן איבערגענעכטיקט. איך דערצייל עס אגב־אורחא׳דיק. מיר זיינען געוואוינט צו ערגערע מאמענטן אזעלכע אין די וועלדער, ווען עס פלעגט ווערן אַן אַלאַרם, פיל מאל אין מיטן נאכט, ווען די דייטשן פלעגן אונדז פלוצים איבערפאלן, זיינען מיר אויך געלאפן, שאַרענדיק זיך צווישן די בוימער, קיין האטעלן זיינען וואס אַן אמת אין די וועלדער ניט געווען, ס׳איז אבער דארט אויך ניט געווען קיין האַרצ־לאזע אייגנטימער ווי די תל־אביבער בעלי־מלון. דער איצטיקער רעגנ־דיקער טאג, שלעפט אַרוים פון די זכרונות פאַרגעסענע זאכן און ס׳האט זיך אנגעשמירט אַ נאַרישער אומגעלומפערטער בריוו.

פון בריוו 26 דעצ. 1949, תל-אביב.

. . . די אלע דאַטעס מיט וועלכע כ׳באַצייכן פאַרשיידענע פּרטים זיינען בא מיר קיינמאָל ניט געווען פאַרנאָטירט. כ׳שלעפּ זיי ארויס פון זכרון. כ׳גיב אָן דאַטן און נעמען נאָר פון די וואָס כ׳געדיינק גענוי. היות, ווי פּאַסירונגען מיט דאַטעס זיינען פאַראַן אָן א צאָל, זיינען אין אלע מיינע „שפּרונגען" באַרירט נאָר זייער א קליינער אחוז (פּראָצענט) פון זיי.

דו זאָגסט, נאָטירן? איך אַפּעריר מיט א דאַטע. פריִיטיק דעם 28 אויג. 1942 האָב איך צום לעצטן מאָל געהאַלטן אין מיינע הענט א פּענע (פאַרענדיקט האָב איך דאַן שרייבן די תקופה פון געטאָ און די נאָמענטליכע רשימה פון די אומגעקומענע). אין די ערשטע טעג פון אָקטאָבער 1944, ווען איך בין געווען אין דער רויטער אַרמיי, אויף דער ליטווישער ערד, ביי מאַריאַמפּאָל, אין אונדזער מאַרש נאָך מזרח פּרייסן, האָב איך צום ערשטן מאָל נאָך אַזאַ לאַנגן איבעריים גענומען א בייל-שטיפט און אָנגעשריבן צו משה׳קע פּיטקאָווסקי און צו זלמנען, וואָס לויט מיין אָפּשאַצונג האָט איינער פון זיי, אָדער זיי ביידע, געדאַרפט זיין אין ביטען — אַז איך לעב, אַז כ׳געפין זיך אין דער רויטער אַרמיי, און זיי אָנגעגעבן דעם פעלד-אַדרעס פון מיין פּאָלק. באַוועגט צו שרייבן צו זיי ביידן האָט מיר: 1) בא יעדער געלעגנהייט פון אונדזערע דאַמאָלסדיקע שווערע מאַרשן, האָבן די סאָלדאַטן אויס-גענוצט די זייער באַגרעניצטע צייט פון אָפּרו און זיי האָבן בריוו געשריבן צו זייערע הײמען. פאַר די וואָס זיינען געווען שוואַך אין עברי, פלעג איך פאַר זיי שרייבן לויט זייער דיקטאַנט, מיט דעם לאַנגן פויערשן אויסגעצויגענעם נוסח פון...און זדראַסטוווּיטע מאַאַי דאַראָגיע ראַדיטעף און זדראַסטוווּיטע מאַאַי דאַראָגיע בראַטיאַ, און זדראַסטוווּיטע מאַאַי דאַראָגייאַ סאָסטרי. און אַלעמען אָנרופן מיט זייערע נעמען. און איך האָב אויך געזוכט עמיצן צו שרייבן; 2) כ׳האָב געדאַרפט אין קאַנצעלאַריע פון מיין ראָטע אויספילן א פראַגע-בויגן. איז דאָרטן צווישן אַנדערעס געווען: „אָנגעבן דעם גענויען אַדרעס פון די פאַמיליאַנטן אין דער היים", כדי מודיע זיין דער משפחה אין פאַל ווען זייער זון, דער סאָלדאַט, פאַלט אין שלאַכט. „כ׳האָב ניט

אזעלכע״ האב איך געענטפערט. ווי איז דאס מעגלאך? פרעגט מיר דער לייטענאנט פון דער פעלד קאַנצעלאריע: „אלע ווילע גייען מיר אריין אין שלאכט, דו פאלסט, דארף מען דאך מעלדן דיין פאמיליע״. „כ׳האב ניט קיין היים״, האב איך געשטאַמלט. „כ׳האב ניט צו וועמען צו שרייבן״ איז געווען מיין תשובה צו מיינע גוי׳עשע חברים סאלדאטן, ווען זיי פלעגן מיר כסדר פרעגן „הלמאי שרייבסטו ניט צו קיינעם״. אין א פאר שעה ארום בין איך אריין אין דער פעלד־קאנצעלאריע, געבעטן דעם שרייבער ער זאל מיר געבן דעם אנקעטע־בויגן און כ׳האב אויסגעפילט דעם בלויז פון משפחה־אַנגעהעריקייט מיטן אנגעבן כ׳געדענק ניט גענוי משהקעס אדער זלמנס אדרעס אין ביטען. מיין אויסרעכענונג איז געווען אזא: אין פאל ווען איך פאל אין קאַמפּף געגן דייטשן היטלעריזם און . . . וועט מען מודיע זיין דיר און שלמהקען און זאלט איר וויסן ווען און וואו דער טפש איז נעלם געווארן.

אין דעם וואלד־לעבן, אין דער פאַרטיזאנקע, ווען דו מאכסט וועלכע ס׳איז נאַטירונגען, וואלטן זיי געמעגט זיין די אומשולדיקסטע, האסטו אלע ווילע געקענט פארלירן דעם נאַרישן קאָפּ דיינעם. די געזעצן אין וואלד האבן געשאפן הפקר־באדינגונגען און הפקר־מענטשן און שטריינג זיינען זיי געווען. דער וואלד קאדעקס האט געהאט איין סטאַטיאַ און דאס איז געווען דער טויט.

אוי, סאַראַ אַן אמתדיקער משה־פּלאָנטער איך בין געוואָרן; דעם בריוו צו דיר האב איך אנגעהויבן שרייבן צו דעם סדר היום און פון תל־אביב נאך פליינפעלד און פלוצים „צוגעשפרונגען צו מאריאמ־פאָל אין דער ליטע. כ׳געדענק, ס׳האט שטארק גערעגנט יענעם טאג (פון אויספילן די אַנקעטע), אָוונט צייט זיינען מיר אריין אין מאריאמ־פאל, אין שנעלן מארש זיינען מיר געגאנגען, כמעט ווי געלאפן . . . אזא סיסטעם איז געווען אין דער רויטער ארמיי, וואס ווי מ׳האט זיך דערנעהענט צו אַ באזעצטן פונקט און מ׳האט געדארפט דורכגיין א דארף אדער א שטאט, האט מען די אפטיילונגען אונדזערע געיאָגט, מיר זיינען געלאפן דורך די גאסן גיך, „פריידיק״, דאס האט געדארפט וויזן דער באפעלקערונג, אז די סאלדאטן לויפן התלהבותדיק אין

שלאכט, פונקט ווי זיי וואלטן אין לעבן קיין אנדער ציל ניט געהאט ווי צו געהרגעט ווערן, און אז ס׳איז ניטא קיין קראַפט וואס זאל קענען איינהאלטן דעם „ופערא״ גיין. און אזוי זיינען מיר אין א רעגענדיקער פינסטערער נאכט דורכגעלאפן דורך חרובע גאסן פון דער אידישער אויסגעקוילעטער מאריאמפאל און מיר זיינען שוין הינטערן שטאט. מיר מארשירן ווייטער איבער צעווייקטע פון רעגנס פעטע פעלדער, אלץ נעהענטער צו דער דייטשער פארשאלטענער ערד.

דו מאכסט א טעות, ווען דו מיינסט אז ווייל איך באַריר אָפּט דעם עבר, איז עס אַ בולטער סימן אז כ׳קען זיך פון אים ניט באפרייען. לא דובים ולא יער. כ׳האב עס פארגעסן, אזוי גוט ווי אנדערע געדענקען שוין בכלל ניט וואס מיט זיי איז געווען. איך געדענק אויך ניט. פון צייט צו צייט דערמאנט זיך עפּעס און מענטשן האבן שוין אזא טבע, וואס זיי ריידן פון נעכטיקע טעג, פון פארגאנגענע חלומות און אנדערע ריידן אַפילו פון שלאף. באזונדערס האבן מענטשן אַ שוואַכקייט צו זכרונות פון עבר. זעסט דאך אליין ווי א גאנצע ליטעראטור איז פאראן פון עראינערונגען, מ׳שרייבט אייגענע זכרונות, מ׳שרייבט פרעמדע זכרונות, מ׳שרייבט זכרונות וואס זיינען קיינמאל ניט געווען אין דער ווירקלאכקייט. איך שרייב אויך אין אזא צופארענעם, ניט כראנאלאגישן סדר, איך בין דאך ניט קיין שרייבער פון באַרוף, כ׳האב ניט קיין פאנטאזיע און אין מיינע בריוו צו דיר מאך איך איבונגען און לערן זיך ווי צו שרייבן זכרונות און ס׳קומט ארויס א משה פלאָנטער, א משה זוך מיר.

תל אביב. 23. 8. 52

מיין טייערער ברודער יצחק לייב!

דיינע ברייוו פון 15/16 ד. ה. האבן מיר דערהאלטן אויפן פינפטן טאג פון דיין שרייבן. א רעקארד פון שנעלקייט (פאסט). ביי אונז איז ניטא קיינע באזונדערע נייס. הייסע טעג זיינען איצט, הייסע — אפילו פאר אזא סוב-טראפישן קלימאט ווי ארץ-ישראל איז, און מען שוויצט, אלע שוויצן דא, און א ייד איז צו שוויצן געוויינט, נאכמער ער באטראכט עס פאר א רפואה און דאס שוויצן איז ביי אים א תרופה צו אסאך מחלות. א ייד האט א משונהדיקע הנאה פון שוויצן. ער האט גוואלטאוונע ליב א שוויץ באַד. ער קריכט ארויף אויף דער אייבערשטער באַנק אין שוויץ קאמער פון באד און שרייט „איוואַן פאבאַלשע פאַרו פאַדאַוואי״, איוואן גיסט קאלטע עמערס וואַסער אויף די אנגעגליטע שטיינער (אין ישראל חיים׳ס באד) און ישראל׳יקל קרעכצט אזש פון הנאה. עס איז נאך פון קדמונים באקאנט, אז א ייד איז אַ שוויצער. אין א הייסן שבתדיקן תמוז טאג, נאָכן אָפּעסן א פעטן טשאלנט טרינקט ער נאך אוים א סאַמאָוואר קאַביקע טיי, לייגט ער זיך אריין אין בעט אונטער אַ פּערינע און ער שוויצט זיך גוט אוים. עס איז שווער אָנצואווייזן א ארט און א צייט וואו א ייד זאל ניט אויסנוצן א געלעגנהייט פון ניט האפן א שוויץ צו טאן. ער שוויצט אויף אסיפות, פאָלקס-פאַרזאמלונגען, קאנפערענצן, קאנגרעסן, ער שוויצט אין בתי מדרשים אויף דער הייסער ליזשאַנקע און ער שוויצט ווינטער צייט, ווען ער דאַוונט אין דער קאלטער שול. — ער שוויצט מיט אידייען, מיט א והיה באחרית הימים וגר זאב עם כבש — מיט א ולא ישא גוי אל גוי חרב — מיט א אחוות-עמים, מיט א סאציאליזם רחמנא לצלן און אומעטום וועסטע אים זען א אויסגעווייקטן אין טייכן שוויים. ער שוויצט ווען ער באַארבייט א צווייטן און ער שוויצט ווען א צווייטער באַמלאכה׳עט אים. נעם אריין א יידל אין א מעבדה (לאבאראטאריום) ותפרידהו לחלקים, דאס הייסט אים צו פאנאנדער גלידערן אין טיילן, וועסטו זען אז ער איז כולו שוויים. דער מוח איז שוויים, דאס הארץ שוויים, די לונגען שוויים, די פיס שוויים — די הענט שוויים און די גראבע קישקע איז אויך פון

א פארהארטעוועטן שוויים. דא, אין דער מלוכה פון סאמאראדנע יידן, איז דער שוויץ בולטער ווי אנדערש וואו. עס שוויצן אונזערע מיניסטארן — אונזער אָפּראוויזאציע שוויצט און אין א קאלטן שוויים באָדט זיך אונזער עקאנאמיק. אין קאלטן און הייסן שוויים שווימען ארום אונזערע כמעט דריי צענדליק פּארטייען, ואני הקטן (אויך אַ גרויסער שוויצער) אַ יאנקעלע, המכונה דאדל, שוויצט אויך ארום זיין גאנצן לעבן, קאלטע שוויץ בעדער האט ער געהאט אין זומערדיקע טעג און הייסע שוויץ בעדער — אין פּראַסטיקע קלימאטן און עס איז שווער אים זיך צודערמאנען ווען די טעמפּעראטור זיינע איז געווען 36,7. אָט, איצט שרייבנדיק די שורות שוויצט ער אויך. יעדער אות איז אַ טראפּן שוויים און יעדער שורה איז אַ ריטשקעלע שוויים און פון אלע שורות איז אים שוויים.

תל־אביב 15. 3. 57

טייערער ברודער יצחק לייב!

דערהאלטן דיין בריוו פון 7־טן ד. ח.

דער איצטיקער שרייבן מיינער וואלט געווען נאך קירצער ווי דער פאריגער בריוו, ווען ניט דער רעגן, וואס גיסט כמעט אן הפסקות דריי מעת־לעת — גיט מיר א טעמע צו ארייננטראכטן און דער־מאנען זיך פון מעשיות שהיו, פון רעגענס, וואס האבן געגאסן טעג און נעכט און געפונען האסטע זיך אונטערן פרייען הימל, שטייענדיק אונטער א בוים אין די וועלדער, אדער אויף דער פייער־ליניע, אין אפענע טראנשייען און געחלום'ט האט זיך פון א ווארימען צימער, פון א טרוקענער העמד, פון אויסציען זיך אין א בעט, איינגעדעקט און צוגעדעקט מיט א וואלענע קאָלדרע, און אָפשלאָפן חוני־המעגלס שלאָף ווי אסאטיספאקציע פאר די פארוואגלטע נעכט פון הונגער און קעלט.

— אָט זענען שוין די וויזערס פון זייגער 12 פאר מיטאג. איך זיץ אין שטוב, קיינער טרייבט מיר ניט אויף פאטרול פון 12 שעה אָן איבעררייס, פון ליגן אויסגעצויגן אין בלאָטיקע טראנשייען. ווארים איז אין מיין חדר, א ביקס האלט איך ניט אין מיינע הענט. איך וויל קיינעם ניט דערשיסן און איך וויל ניט עמעצער זאל אין מיר אריינ־שיסן. ווי גוט איז דאס וועלט פון בורא־עולם, ווען מענטשן זאלן איר כסדר ניט פארמישטיקן. —

אין יענער תקופה פון רעגנס, קעלט, פון נאסע וועלדער, נאסע שוך־גראבנס, נאסע העמד און נאסע אויסגעווייקטע מלבושים, פלעג איך זיך „דערווארימען" מיט מפזם (אונטערזינגען פאר זיך אליין) זיין פערזן פון אידיש, אומעטיק, הארציק פאלקס־ליד:

„איך גיי איבער פעלדער, איך גיי איבער וועלדער,
איך הער דער ווינט, ער רוישט אַ שרעק
אך, קאַלט ליבער ברודער, אַ שרעקלעכע קעלט,
אך, קאַלט ליבער ברודער, עס פרירט די וועלט".

פאַר דעם פּזמון, האָב איך איינמאָל אַריינגעכאַפּט אַ צוגאָב פון 8 שעה שמירה. ומעשה שהיה כך היה: מזרח דייטשלאַנד, פינסטערע, רעגנדיקע נאַכט, לאַנגע שורות צואַקערטע פעלדער, אין גראָבנס. שורות סאָלדאַטן אין גרויע פעלד־שינעלען „שלאָפן״ . . . אַ טייל פון זיי וועט די מאָרגנדיקע נאַכט שוין שלאָפן זייער אייביקן שלאָף, אין דער פאַרשאָלטענער דייטשער ערד. אַלע טאָג, האָט די גוטע מאַמע־ערד אַריינגענומען אין איר טראַכט אַ צאָל גרויע שינעלען. די מאַמע־ערד מאַכט ניט קיין הפליות (אונטערשיידן) פון ראַסן, אַ באַרמהאַרציקע איז די מאַמע־ערד, אַלע זענען אירע קינדער, זיי קומען אַרויס פון איר און קומען צוריק צו איר. — איך שטיי שמירה. שוין געענדיקט מיינע פיר שעה פון היטן. קיינער קומט ניט מיר בייטן. ס׳איז מיר קאַלט און דער הונגער נאַגט, יאָ, מיר האָבן געהונגערט. עטלעכע מעטער פון מיר ליגט מיין לייטענאַנט, ער שלאָפט. עס שלאָפן אויך די וואָס דאַרפן מיר בייטן. אויפוועקן עמעצן, זאָל מען באַהיט ווערן. עס קומט דערפאַר אַ שטראָף. הויב איך אָן אונטערצובערטשן פּערזן פון דער אומעטיקער פאָלקס־לידל, איך זינג שטיל, ס׳ווערט מיר וואַרימער, איך זינג אַ פּערז נאָך אַ פּערז . . . ס׳איז דאָך אַזוי גוט . . .

סוואַקסט אויס פאַר מיינע אויגן מיין לייטענאַנט טשערקאַסאָוו. „אַט אַזוי זינגט מען אויף שמירה, ווען דער שונא איז 1000 מעטער פון אונדז? נאָך 8 שעה וועסטע שטיין״. און איך בין טאַקע געשטאַנען. אַ ברירה האָב איך געהאַט?

געשטאַנען בין איך, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. נאָכהער בין איך אַראָפּ אין גראָבן. אין ליכטן פון טאָג דאַרפמען ניט קיין שמירה. אַלע אויגן זענען דאַן במילא געווענדעט צו דער זייט פון וואַנעט ס׳קומט דער טויט — צו דער זייט פון שונא.

אַ משונה׳דיק לענדל איז אונדזערס. אָט האָט גערעגנט, שוואַרצע וואָלקנס פאַרצויגן איבערן הימל. און אָט, אין געציילטע מינוטן, די הימלען האָבן זיך אויסגעלייטערט, קיין סימן פון וואָלקנס. די זון שיינט, וואַרעמט.

איך ענדיק מיין שרייבן און גיי אין גאס. ס׳איז ערב פּורים. קינדערלעך פאַרפילן די גאסן, אין זייערע פּורים קאסטיומען. איך הער ווי זיי זינגען. גרויסע פּורים־פּייערונגען ווערט דאָס יאָר צוגעגרייט. איך האב הנאה פון די קינדערלעך, ווי זיי מיט זייערע ביקסלעך דערשיסן די אלע המנס, אין אלע צייטן.

שרה דינהן, האב איך געשריבן אַ בריוו, מיט עטלעכע טעג צוריק.

זיי געזונט, דיין ברודער דוד

פרייטיק, 5 אפריל, 1957. תל־ אביב.

טייערער ברודער יצחק לייב!

דיין בריוו, פון 28 מערץ, דערהאלטן. בא אונדז ניטא קיין נייס. ס׳איז פרילינג, די זון שיינט, ווארמט, גלעט, און ס׳איז שיין דאס וועלטל פון בורא־עולם, ווען דער בחיר־היצורים זאָל עס ניט געווען פאַרפּאַסקודיען מיט איידייען, מארקסיזם, סטאליניזם, און אייזענהאיער דאקטרינעס. אַ שיינער ווינקל אין בורא־עולם׳ס שיינער וועלט, איז מדינת־ישראל, זאל גאט מיט איר חסדים טאָן, אריכות ימים איר צוטיילן און אריכות־ימים דאָס קליינע, דרייסטע, העלדישע פאָלק ישראל, וואס מיט זיין בלוט און שוויים באַפרוכפערט ער אַ וויסטן באָדן, אין גרינע, בליהנדע פעלדער, פרדסים, גערטנער, בלומען און וועלדער.

דאָס קליינע מדינת־ישראל איז אַ שוץ ווינקל און אַ שטיץ־פונקט פאר אלע יידן אין דער וועלט, אין אלע זייערע גלותן. וואס טיפער דאס פאלק ישראל וועט זיך איינווארצלען אויף זיין באָדן, אלע העכער, פאריסעניש, וועלן האלטן זייערע קעפ, אלע יידן אין דער גאנצער וועלט, ווי גוט עס זאל זיך זיי דארטן איצט ניט לעבן.

אין מיליטערישן האָספּיטאַל אין קאָוונא, וואו איך בין געלעגן (אין ליטווישן מלוכה טעאַטער, וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א בבית־חולים), און געלעגן בין איך אין לאנגן קארידאר, 5 טויזנט שווער פארוואונדעטע האבן פארפולט דעם בנין, ס׳איז ניט געווען קיין פלאַץ, האב איך אסאך מאל געפילט מיין יידישקייט, אָלס קינד פון פאָלק־ישראל.

דער קארידאר, וואו איך בין געלעגן (אַ לאנגע שורה פון 3 שטאטיקע הילצערנע בעטלעך זענען געווען אויסגעשטעלט) האט גע־פירט צו דעם פערעוויאַזעטשנעם צימער, ד. ה. וואו מ׳פלעגט מאכן פערעוויאזקעס די פארוואונדעטע. פארביי מיין בעטל, פלעגט דורכגיין טעגלעך א יונגער סאלדאט אן אוקראינער. ער איז געגאנגען אויף קוליעס, א פוס האט אים געפעלט.

ער האט אין מיר דערקענט אז איך בין א ייד. היות ווי אין

סאָוועט רוסלאַנד איז פאַרבאָטן דער אויסדרוק זשיד, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ביי מיין בעטל, אַריינקוקן אין מיר און הויך אויפן קול ציהן אַבראַם. אַבראַם, האָט פאַרביטן דעם בטוי זשיד.

איך בין דאָן געווען עטלעכע טעג נאָך דער אַמפּוטאַציע. דער כוליגאַן האָט מיר דענערווירט. לעבן מיר איז געלעגן אַ סאָלדאַט, אָן אַ פוס, אַ גוטער, אָרענטלעכער שייגעץ, פון סיביר. זאָג איך צו דעם שייגעץ: וואַסקאַ, באָרג מיר אויס דיין קוליע, ד. ה. דעם היל־צערנעם שטעקן. אַגוטמוטיקער איז געווען דער וואַסקאַ. צו וואָס דאַרפסטו די קוליע? איך האָב אים דערציילט. גייט דורך דער כוליגאַן און ווי זיין שטייגער רייצט ער מיר מיט אַבראַם. די קוליע איז געלעגן לעבן מיר. אליין בין איך געלעגן אין געהאַקטע וואונדן, יעדער ריר, האָט מיר פאַרשאַפט מוראַדיקע ווייטיקן. האָב איך זיך אָנ־געשטריינקט, זיך אויפגעהייבן אַ ביסל און מיטן שטעקן אַ צי געטאָן איבער דער געזונטער איין איינציקער פוס פון כוליגאַן. ער איז געפאַלן, צוקלאַפּט האָט ער זיך. די וואונד פון זיין אָפּגעשניטענער פוס, האָט זיך געעפנט. ס׳זענען אָנגעלאָפן די קראַנקן־שוועסטער, מ׳האָט אים אויפגעהייבן, אין איבערבינדגוס צימער אים אריינגעטראָגן. אַ וואָך צייט איז ער געלעגן. מער האָט ער ניט געוואָגט צו אויסציהן זיין קול אין אַבראַם.

וואַסקאַ, דער גוטמוטיקער סיביראַק, האָט הנאה געהאַט וואָס זיין שטעקן, האָט אַזוי געווויסנהאַפט אויסגעפילט זיין אויפגאַבע...

אין מאָסקווע, אין האָספּיטאַל, האָט איינער אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט (געלעגן איז ער אין שכנות מיט מיר), געזאָגט: „פול מיט זשידעס איז מאָסקווע, די גאַנצע וועלט פאַרנעמען זיי״. אין טאָמסק, אין האָספּיטאַל, האָט די קראַנקן־שוועסטער אויפגעהערט צו שמייכלען צו מיר ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ ייד. זי האָט מיר באַדינט מעכאַניש, די וואונדן מיינע פלעגט זי איבערבינדן, דאָס איז געווען איר פליכט, אָבער שמייכלען האָט זי געשמייכלט צו אַלע פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן, צו מיר — ניט.

איך וואָלט געקענט אָנדערציילן פּרטים אין די 100־טער, הן אין דער פּאַרטיזאַנקע, הן אין דער אַרמיי, ווי אויך אין די האָספּיטאַלן,

וואו די באַציאונג צו מיר אַלס ייד איז געווען אַ קאַלטע, אַ באַציאונג פון גרינג-שעצונג.

עלפטער יאר ווי איך בין דאָ, אין ישראל, און אַ כפרה זאָלן זיי ווערן דאָרטן, די אַלע שוועסטערס, האַנעס מיט אלע איוואַנעס. דאָ בין איך אַ מענטש און אַ ייד. דאָרטן בין איך געווען א ייד און ניט קיין מענטש.

גאָלדבערג, איז אַ טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט. צי ער האָט אַ געזונטן לאַגישן קאָפּ, איז בא מיר אונטער אַ פראַגע צייכן.

מיט 8 אדער 9 יאָר צוריק האט ער באזוכט רוסלאנד, און געשמירט האט ער מיט הללויה׳ס לכבוד דעם גרויסן סאָציאליסטישן אויפטו דאָרטן.

אין דער היגער פרעסע, האב איך געלייענט זיינס א רעפארטאזש בילד פון זיין באַזוך אין מאָסקווע:

„גאַנץ רוסלאַנד, דאָס גאנצע רוסישע פאלק לויפט, פאָרט, פריידיק צו דער ארבעט. דאס ארבעטער פאלק, באַמיט זיך קומען צו דער ארבעט וואס פריער, מ׳פאָרט ארויס צו דער אַרבעט לאנגע שעהן פאַר דער אָנפאַנג פון דער אַרבעט — ווייל דאס רוסישע פאָלק איז פאַרכאַפּט פון אגענוס פון וואָס מער אַרבעטן, שאַפן, פראָדוצירן פאַר דער סאָציאַליסטישער מלוכה״.

אָרימער גאָלדבערג!

די שטרענגע שטראָפן פון „פראגולן״ האָט ער ניט געזען. 5 מינוט ווען מ׳פארשפעטיקט צו דער אַרבעט, באַקומט מען אַ געלט-שטראָף אין דער הויך פון דריי מאָנאטן געהאַלט. פאָר דריי מאָל פאַרשפעטיקן — 2 יאָר טורמע.

זיי געזונט, דיין ברודער דוד

דראַמאַטישע באַשרייבונג פון א אידן אין תל־אביב ווען די טעג ווען אַלע אידן זיינען געווען אַרעסטירט

(שילדערט די איבערלעבענישן פון יעדען טאָג, ווען די ענגלענדער האָבען איבערגעזוכט יעדע אידישע וואוינונג און אויסגעפּאַרשט יעדען איינעם. — באַשרייבט די מעשים פון די ברוטישע סאָלדאַטען און דערציילט וועגען דער שטימונג, וואָס האָט אין די טעג געהערשט אין די הייזער פון דער אידישער שטאָט)

תל־אביב איז שוין באלד צוויי מעת־לעת אין עוצר. אויף מאַמע לשון הייסט עס פשוט פאַרשפּאַרונג. מען זיצט אין די הייזער, מ׳טאָר ניט ארויסגעהן אין הויף, מ׳טאָר ניט קוקען אין פענסטער. געגענספּאַל קאָנסטו זיך באַקענען מיט אַ גוט געצילטער קויל. אַלץ איז געשלאָסען. די באַוועגונג אָפּגעשטאָרבען. אין די גאַסען, אויף יעדער ראָג, אין יעדען ווינקעל — מיליטער באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. אויף די דעכער מיליטער מיט קוילענוואַרפערס, מיט שיין־וואַרפער, מיט ראַדיאָס, און טאַנקען אין די הונדערטער טומלען און רייסען די לופט. מ׳רעווידירט תל־אביב, מ׳רעווידירט יעדער גאַס, מ׳רעווידירט יעדער שטוב, מ׳זוכט אין יעדען צימער, מ׳זוכט אַלץ און מ׳פירט אַרויס די מענטשן פון די הייזער, מ׳פּאַקעוועט זיי אין אויטאָס און מ׳פירט זיי אין די פּאָליציי קאָמיסאַריאַטען. מ׳זוכט די טעראָריסטען (לויט דעם אָפיציעלען נוסח) און מ׳האַלט געשפּאַרט אַ גרויסע שטאָט און דער עולם הונגערט און זיצט פאַרשפּאַרט אפילו אָהן מעדיצינישער הילף. אין דעם מאָמענט איז אַריין אין . . . אַ גרויסע באַוואָפענטע מחנה ענגליש מיליטער. אחוץ די אויטאָמאַטען איז יעדערער באַזאָרגט מיט אַ פעסטען הילצערנעם שטעקען אין האַנט און מ׳טרייבט אַלעמען אַריין אין די צימערען און מען סאָרטירט. די אינוואַלידען לאָזט מען זיצען, דאָס זעלבע די אַלטע לייט, שוואַנגערע פרויען און קינדערלאַך. די איבעריקע טרייבט מען אַרויס אויפן הויף און מ׳גיט זיי איבער צו אַ צווייטער באַפּאָפענטער גרופּע. מ׳פירט זיי צו צום טויער און

דאָרט זיינען שוין צוגעגרייט אויטאָס, אויף וועלכע מען פּאַקעוועט זיי אָן און מ׳פירט זיי אין די קאָמיסאַריאַטען צום אויספאָרשען און פעסט־שטעלען זייער פּערזענליכקייט. און אין . . . אין אַלע זיינע פּילצאָליגע צימערען איז אַ געוויין; ס׳וויינען פרויען, ביי וועלכע מ׳האָט צו־גענומען זייערע מענער, ס׳וויינען קינדער, ס׳וויינען טאַטעס, ס׳וויינען מאַמעס. ערגעץ האָב איך געזען אַזעלכע בילדער. יאָ, איך דערמאָן זיך. ביי אונז אין שטעטעלע אין געוויסע טעג. מיליטערישע הויך־רעדנער (מעגאַפּאָנען) פּאָרען אַרום איבער די גאַסען און מעלדען, אַז פון 5 ביז 7 נאָכמיטאָג (איצט איז 4), ד. ה. צוויי שעה, איז אָפּגעשאַפט דער עוצר, כדי צו געבען דער באַפעלקערונג אַ מעגליכקייט אַרויסגעהן און איינקויפען שפּייז. מיר גייען אַרויס אין גאַס. אַ הערליך בילד. די טראָטואַרען זיינען פול מיט מענטשן. מ׳לויפט אין די נאַר־געעפענטע געשעפטען, ביי וועלכע עס שטייען לאַנגע תורן (קאָלייקעס). לענג־אויס דער גאַס איז אַ שטעכעל־דראָט פאַרצאַמונג, וועלכע צעטיילט די גאַס אויף צוויי טיילען. דער באַפעלקערונג, איז ניט דערלויבט איבער־צוגיין פון איין זייט אויף׳ן צווייטען. בוכשטבעליך אַלע צען מעטער אַ טאַנק מיט אָנגעשטעלטע פּולעמיאָטען. אַלע צוויי מעטער אַ זעלנער. לענג־דער־גאַס אויפן ברוק אין די צענדליגער טעלעפאָן־דראָטען. אין אַלע ראָג גאַסען ווידער דראָט פאַרצוימונגען מיט גרופּעס באַוואָפענטע, וועלכע לאָזען דיך ניט געהן ווייטער. דער עולם באַלאַגערט די שפּייז־געוועלבער, מ׳שטויסט זיך, מ׳זידעלט זיך. איך דרעה מיך שוין אַרום אַ שעה צייט און קאָן ניט באַקומען אַ פּעקעל ציגאַרעטען. אין אַ צווייטער גאַס איז אוממעגליך אַריינגעהן. עס איז אָפּגעצאַמט מיט שטעכעל־דראָט און באַוואַכט. ס׳איז שוין באַלד די ענדע פון די צוויי שעה. איך באַקום ענדליך אַ פּעקעל סיגאַרעטען.

ס׳קומען צוריק די איינוואוינער פון . . . מ׳האָט זיי באַפרייט. עטליכע פאַרהאַלטען. ב. קומט אריין אַ שמייכלענדיגע, ס׳קומען נאָך אַ פּאָר חברים, וועלכע מ׳האָט געפאָרשט אין דער פּראָוויזאָרישער הויפּט־צענטראַלע. זיי דערציילען עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳לויפט דיר אָפּ דאָס בלוט פון פּנים. די ענגלישע „דזשענטעלמענער" שלאָגען מיט הילצערנע שטעקענס אַ סך פון די פאַרהאַלטענע. עס איז שוין נאָך 7 אַזייגער. מיר זיצען צוריק פאַרשפּאַרט אין די הייזער. מ׳זאָגט, אַז

דער עוצר וועט דויערן נאָך 48 שעה. ביי צוואַנציג טויזענט זעלנער זוכען די טעראָריסטען און דאָס אידישע געווער. סאַראַ אומבאַהאָלפען־קייט פון אַזאַ ריזיקער אימפעריע. ס׳איז ממש אַ רחמנות אויף די ענגלישע זעלנער מיט זייער גאַנצען פראַנט, וואָס זיי האָבען אויס־געשטעלט אויף די תל־אביב׳ער גאַסען געגן דער שוצלאָזער אידישער באַפעלקערונג. עס דערמאָנט געגוי די היטלעריסטישע תקופה, אָבער דאָך אַנדערש, דזשענטעלמענערישער. די אידען דאָ האָט מען געפירט אין די פּאָליציי קאָמיסאַריאַטען און ניט צו די גריבער. די דייטשען זיינען געווען קאָנסעקווענטער. די לייבאָריסטען אין ענגלאַנד גייען צו אַביסל נאָך שעמעדיג, ווי אָנפאַנגער. מיט דער צייט — דאַרף מען האָפען — אַז זיי וועלען זייער גרויסן רבין, דעם גרעסטען אויסוואורף וואָס די וועלט האָט ווען געהאַט — בעסער זיין תורה פאַרשטעהן. ס׳דאַרף נאָר זיין דער גוטער ווילען, די מעשים קומען במילא. דער קליינער ישוב פירט אַ ביטער, שווערען געראַנגעל מיט פילצאָליגע גרויסע שונאים. דער קליינער ישוב האָט זיינע גרויסע קנאים און די גרויסע קנאים טראָגען אין זיך אַזאַ העלישען פלאַם, אין וועלכען ניט איין טאַנק קאָן צעשמאָלצען ווערען. עס חזר׳ט זיך איבער די געשיכטע „מעטים לפני רבים״. דער אייביגער פּאַטוס, וואָס באַגלייט דעם אידישען פאָלק. די אַמאָליגע מכבייער האָבען ניט איינגעהאַלטען זייער מלוכה, און די היינטיגע וועלן זי ניט אויפבויען. די לעצטע ווי די ערשטע וועט מען לאַנג באַוואונדערן. דער קאַמף איז נאָך ניט געענדיגט. ער געהט אַריין אין אַ נייער סטאַדיע. די לעצטע מאָהיקאַנער, די חלומות־טרעגער פון אַ אידישער מלוכה וועלען נאָך אין זייער קנאי׳שען פאַרצווייפעלטען משיחישן קאַמף ניט איינמאָל לאָזען הערען פון זיך אין זייערע מעשים דעם נושא׳דיגען אויסגעשריי פון אַ טראַגישען פּאָלק, וואָס אָפּשטאַרבען וויל עס ניט און לעבען לאָזט מען ניט.

מיר זיצען אין די הייסע, שטיקענדיגע צימערען. דער הייסער פאַלעסטינער זון פילסטו אויך אין די קילע נעכט. מיט אויטאָס ברייננגט מען צופירען צוריק אין . . . באַפרייטע חברים. זיי דערציילען פרטים ווי מען באַהאַנדעלט די „פאַרדעכטיגע״ און מיט וואָס פאַר אַ מיטלען מ׳וויל ביי זיי אויספרעגען. זיי קענען גוט די קונסט. צו מאַניפּולירען

מיט שטעקענס איבער אידישע קעפּ דאַרף מען ניט באַזוכען קיין הויך-שולען.

1טע אויגוסט. דער עוצר איז נאָך אַלץ אין פולען גאַנג. מיר האָבען גענוג וואָס צו עסן. ב... איז געלונגען נעכטען אין די צוויי שעה איינהאַנדלען ווייס ברויט, הערינג, וויינטרויבען, קאָווענעס, אפילו וואורשט. די קיך אין . . . איז ניט טעטיג, ווייל עס געלינגט ניט אַריינברייגען קיינע שפּייז-פּראָדוקטען אחוץ קאַרגע פּאַרציעס ברויט, אויך אַ דאַנק דעם, וואָס אַנטקעגנאיבער אונז איז אַ בעקעריי און „אַ גוטער" ענגלענדער דערלויבט אַריינשמוגלען ברויט — פּאַרשטייט זיך, נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען. נאָר אַט מעלדעט די ראַדיאָ און גלייכצייטיג די הויכריידער, אַז פון 5 ביז 7:30 נאָכמיטאָג, ד. ה. אויף צוויי און אַ האַלב שעה וועט אָפּגעשאַפט ווערען דער עוצר און די באַפעלקערונג וועט האָבען אויך היינט די מעגליכקייט אַרויסגעהן אין גאַס. און צו דער באַשטימטער שעה לויפען מענטשן פון די הייזער אין אַלע זייטען און בילדען לאַנגע שורות ביי די שפּייז-געוועלבער, ביי די גזוז קיאָסקען (סאָדע-וואַסער קרעמלאך). וואַסער אין ארץ-ישיראל איז אזוי וויכטיג ווי ברויט. ס'איז דאָ גענוג אַלערליי געטראַנקען און ביליג. ס'איז זעהר אַ גרויסע פּראָדוקציע. אָבער ווען עס איז אַן עוצר פעלט אויס דער אַרטיקל אויך. איך לאָז זיך אויך אַרויס אין גאַס — קודם כל באַקומען סיגאַרעטען. ס'געלינגט מיך גלייך. די שמירה איבער די גאַסען, מערקט זיך, איז שוואַכער ווי נעכטען. די שטעכעל-דראָטען ניט באַזייטיגט. זיי ציען זיך לענג-אויס די גאַסען ווי אַ בוכשטערבליכער שלאַכטפעלד. ס'פאָרען אַרום גע-פּאַנצערטע טאַנקען. מ'פירט אַרעסטירטע. אויף איין אויטאָ צוויי יונגע אידישע מיידלאך, לויטן אויסזען תימנ'ער, און אַ שמירה פון 5 זעלנער מיט די אויטאָמאַטען דירעקט אין זייערע פּנים'ער. אַ צווייטער אויטאָ מיט צעהן אידישע בחורים און 20 זעלנער אַלס שמירה און פּאַר זיי אַ טאַנק און הינטער זיי אַ טאַנק און אויף די דעכער פולעמיאָטען, און ביי די בעקערייען און געוועלבער לאַנגע תורן און עס דערגעהט צו געשלעגען. באַלד ענדיגען זיך די צוויי און האַלב שעה און קיין ברויט איז שוין ניטאָ. און ס'חלש'ט אַ פּרוי, ביי אַ צווייטען איז אַ צעבראָכענע האַנט, אַ דריטער קרעכצט. דער רויטער מגן-דוד אַמבו-

לאַנס (אַ מתנה פון די אַמעריקאַנער פרויען) נעמט צו פון דעם אָריגינעלען שלאַכטפעלד די עטליכע פּאַרוואונדעטע. איך קריך דורך די דראָטען און באַקום זיך אַריין אין אַ צווייטער גאַס און פון דאָרטען אין אַ דריטער. איך געה באַזוכען מיינעם אַ חבר. איך געפין אים ניט. ער שטעהט אויך ערגעץ אין תור. די גאַסען שמוציג, הויפענס מיסט. איך דערקען ניט דער שיינער באמת פּרעכטיגער, זויבערדיגער תל-אביב.

ניט וויכטיג זיינען די רעזולטאַטען פון דעם עוצר מיט אַלע חפּושים, און ס׳איז אויך ניט וויכטיג די אָפיציעלע צביעות׳דיגע דער־קלערונגען פון דער רעגירונג, אַז זי זוכט בלויז די גרופּע טעראָריסטען. די אַלע אירע האַנדלונגען זיינען קלאָר; זי וויל באַליידיגען דעם ישוב. זי באַליידיגט אים און טרעפט אין ציל. די שיטה איז ניט זייערע. דער היטלעריזם האָט אונז פריער אויך גייסטיג דער׳הרג׳עט — מאָראַליש צעטראָטען, כדי שפּעטער פירען ווי שעפּסען צו דער שחיטה.

איך געה צוריק אין . . . נאָך 20 מינוט און ס׳געהט צוריק אַריין אין קראַפט דער עוצר. ס׳שטייען גרופּקעס יוגענטליכע, די אַזוי גע־רופענע צאַברעס — די געבוירענע דאָ אין לאַנד (צאַברא איז אַ האַלב־ווילדע פרוכט, וואָס וואַקסט דאָ, זעהר אַ געשמאַקע, אָבער די שאָלעכץ איז אַ שטעכיגע ווי נאָדלען). צאַבראַ איז דער סמל זייערער. דו זעסט זיי די יוגענטליכע קנאים מיט צעפלאַמטע, צאָרענדיגע פּנים׳ער. זיי קריצן מיט די ציין. זיי וואָלטען זיך געוואָרפען אונטער יעדען טאַנק און אים צעשמאָלצען, ווען מ׳גיט זיי די פּקודה. איך הער ווי איינער שרייט אויס: „מולדת! עוד ננקום את עלבונך מאת הטמאים האלה״.

2טער אויגוסט. דער עוצר איז נאָך אין פולען גאַנג. תל אביב איז אַרומגערינגעלט מיט שטעכעל-דראָט. אָפּגעשניטן פון די אַלע מושבות, וועלכע באַזאָרגען זי מיט שפּייז. די גאַסען איינע פון די אַנדערע אָפּגעצוימט מיט טאַנקען, פּאַטרולען, און ווידער שטעכעל־דראָט. מיר זיצען אַלע איינגעשפּאַרט אין די צימערען. די ארץ־ישראל׳דיגע זון ברענט און דו פרעגעלסט זיך אין שוויים. ס׳שטיקט די לופט אַרום און מיט בענקשאַפט דערמאַנסטו יענע געדיכטע וועלדער מיט זייערע הויכע, שאָטנדיקע בוימער, מיט דער קילער,

נעימות׳דיגער לופט, מיט דעם שטענדיגען קאסטיאָר (פייער) נעבען זיך. עס פאַרכאַפּט ממש דער אָטעם פון די אַלע זכרונות און ווען די דייטשע שטראָף-רעגימענטען פלעגען אַריינדרינגען אין וואַלד און מאַכען דאָרט אַן עוצר איז דאָך דער וואַלד געווען אויך מיינער. איך האָב זיך אין אים פריי באַוועגט, יעדענפאַלס פרייער ווי אין תל-אביבער . . .

דריי נאָכמיטאָג. די ראַדיאָ, די רם-קול׳ס (הויך-ריידער, מעגאַפאָנען) שרייען אויס איבער אַלע גאַסען: „העוצר הוסר, העוצר בוטל״. אין דעם זעלבען אויגענבליק זיינען שוין די גאַסען פול מיט צענדליגער טויזענטער מענטשן און ווי מוראַשקעס ראַיעט זיך יעדער אויף זיין פּלאַץ און ביי זיין אַרבייט. תל-אביב — די ריין-אידישע, פּרעכטיגע שטאָט, פיבערט. די גאַסען באַהערשען ווידער אומצאָליגע אויטאָס פון דער מוסטערהאַפטער אָרגאַניזאַציע „אגד״ (קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פון פאַרקער — הובלת נוסעים ומשא). גרויסע קאַראַוואַנען פון די מושבות (קאָלאָניעס) אָנגעלאָדען מיט תנובת הארץ (ברויט, פּוטער, קעז, וויינטרויבען, אַלערליי פּרוכטען און גרינסען, אויך אַלערליי עופות) פאַרפלייצען די פּלעצער. תל-אביב הונגערט ניט. בליץ-שנעל איז עס אַלץ צוגעשטעלט געוואָרען, ממש אין מינוטען. צעמענטירט איז דער ישוב. דער דאָרף און די שטאָט איז איין בלאָק. אין שווערע מאָמענטען פאַרשווינדעט דער קלאַסען-אַנטאַגאָניזם, תל-אביב און יאַגור זיינעןביידע אידישע.

איך ווער מיטגעשלעפּט מיט דעם שטראָם מענשען. גרופּקעס יוגענטליכע מיט ברענענדיגע אויגן פון האַס, קלעפּען אויף די ווענט די צאָרענדיגע און וואָרענדיגע אויפרופען פון דער „מחתרת״ — אונטערערדישע קאַמפס-אָרגאַניזאַציע — און זאָגען-צו נקמה נעמען. נאָך די וואָרנונגען קומען שטענדיק די פּעולות (מעשים). באַלד וועלען זיין ציימונגען — די ערשטע פּאָר פיר טעג. איך וועל דיר אַ נומער צושיקען. אין משך פון די איבער צוויי חדשים פון מיין זיין דאָ אין לאַנד האָב איך שוין דורכגעמאַכט פיר עוצר׳ס און זיבען מאָל אין וועג אָפּגעשטעלט דעם פאַרקער און רעווידירט.

מיין אויבערפלעכליכע שילדערונג „תל אביב אין פיר טעג

עוצר" האָט געדאַרפט זיין אַביסעל אַנדערש אויפגעקלערט. איך האָב דאָ געגעבען בלויז דעם אויסזעהן און ניט די גורמים, וואָס דערפירען צו דעם. מיין שילדערען איז דאָך בלויז ווי די ארץ־ישראל'דיגע זעהען עס. אויף אונז מאַכט עס ניט קיין איינדרוק. מיר האָבען געזען אין אונזערע מקומות עפּעס מער. די אויספירונגען, אַנאַלאָגיעס, זיינען זעהר באַלערענד, יעדענפאַלס פאַר מיר. מאָרגען שרייב איך ווידער. זייט געזונט . . .

ביטען 23 אפּריל, 1938.

. . . שרייבענדיק די שורות באַקום איך די לעצטע קריגס־באריכטען פון גרויסן בית־המדרש, וואו עס קומט פאָר א ביטערער קאמף צווישן די בעלי־בתים מתפללים. די פענסטער איז אָפן. און איך הער די קולות און טראַכט מיר דערביי זאל זיך דאס פאלק ישראל פאַרווילן אַביסל. א גוטע שטיקל ארבעט האט אפּגעטן די אשה צנועה, מאדאם פריסטעראָווע די מחברין פון שחיטה־פאַרבאָט, פריער טייל־ווייז און איצט איז שוין אינגיכן מסתמא אינגאנצן. דער געזעץ וואס איז שוין גילטיק מער ווי א יאר ד. ה. דעם איינפירן די ריטועלע שחיטה מיט א געוויסע קאנטינגענט פון אזא־און־אזא וואג פלייש, וועלכער איז אויסגעטיילט פאר יעדן אידישן קבוץ באזונדער, האט אריינגעבראכט א סך בייז־בלוט צווישן דעם אידישן קצב מיט די ווייבער מיט די כלי־קודש, און מ'רייסט און מ'בייסט זיך אין אלע יאטקעס און אין אלע קלויזלאך און אין אלע געריכטן. די מלוכה בכלל געגומען עוסקט זיך מיט אלע אידישע פּראבלעמען א סך מער און זארגעוודיקער ווי פאַרן צאַריזם. ס'איז אונדז גוט. אבער דערווייל פארווילט זיך דער עולם. טאקע מ'פארווילט זיך. ס'איז א צייט־פארטרייב און עס טומלט זיך. מ'מסרט איינע די אנדערע און ס'גייען ספּראָוועס און ס'ציען זיך משפּטים. אָט אזוי לעבט זיך אוים דאס פאלק ישראל. כמעט ווי דערגרייכט די נאציאנאלע קולטורעלע אויטא־נאמיע.

. . . אינגאנצן עפּעס א פּאָר׳ן צובלוטיקט איז מודיע דער לעצטער בולעטין פון טעאַטער-קריגס-פּלאַץ אין דעם גרויסן בית-המדרש. מ׳גייט שוין פון בית המדרש. סאַראַ חיות אָנקוקן אונדזערע אידעלאך; די פּאָלעס צושפּרייטע, די טליתים׳לאך אונטער די פּאָלעס, און די פּנימער צופּלאַמטע, פאַרויטלטע. מ׳האט דעם ענין דערליידיקט. אַן איסור אויסגערופן אין נאמען פון דער גאנצער שטאט מ׳שטינס-געזאגט, אז מ׳זאל פון מארגן-אָן ניט קויפן קיין פלייש, ניט קיין אַלטע און ניט קיין קעלבערנע, ביז וואנען די קצבים וועלן נאכגעבן אונדזערע געדעכטע פאָדערונגען. ס׳האנדלט זיך אין דעם, וואס די קצבים ווילן 1.30 זל. פאר א קילא און די שטאט גיט מער ניט ווי 1.20 (איין זלאָטע מיט 20 גראָשן. אויסגלייכן די ביידע צדדים זאל דער איסור (פאר דעם מאנאט איז עס שוין דער דריטער איסור לויט דער ריי). ווען די גאנצע חברותא סיפיליטיקער פון דער ריינער ראַסן-טעאָריע, באַגעגענען איצט פּנים-אל-פּנים אונדזערע אידעלאך מיט זייער שלות-דיקער זיכערקייט, פון דעם גרויסן נצחון, וואס זיי האבן נאר-וואס אפּגעהאלטן איבער די קצבים, וואס אבישל האט זיי שוין צוגעשחטן די נאבעלע מאדאם, דער גרויסער אפּוטרופּס פון אלע אָקסן און קעלבער בא אונדז אין דער מדינה — מער ווי זיכער אז די דזשונגל-באַנדע וואלט א מיתה-משונה איינגענומען אפן ארט. ווער רעדט, ווען זיי זיינען נאך מיט א טאג צוריק אף דעם ארטיסטישן אוונט, וואס ס׳האט אונדז מזכה געווען נחבוש — שמעון דעם שטעפּערס ברודער (וועלכער איז איצט צו גאסט ביי אים. ער מאכט א טורנע איבער אייראפּע), און זיי וואלטן געזען, ווי מיר אלע האבן אזוי הארציק געלאכט, ממש סאָלוועס-ווייז געלאכט, וואלטן זיי אפילו קיין תחית-המתים אויך ניט אויפגעשטאנען. ווייל א פאלק וואס קען זיך שלאגן פאר 10 גראשן און לאכן אזוי קאָנוואלסיוו, קאן מען ניט אום-ברענגען. דא וואלטן זיי ערשט געלערנט די קראפט פון א פאלק, מער ווי פון זייערע געפעלשטע פּראטאקאלן פון זקני ציון. אזא פאלק קען מען ניט פארטיליקן.

סאַראַ גרויסער אַרטיסט ס׳איז אָט דער קליין דאַרינקער מושער קרופּניק, דער משולח פון מיסטישן דבוק. וואס פארא הויכע קולטור ער פארמאגט אין זיין שפּילן. ער האט פאר די פּאָר שעה אלעמען

פארבישופט, אלעמען מיטגעשלעפט, זיך געלאזט אויף א ווײלע פאר־
געסן פון אלץ, אפילו מײנע בײדע ברידער, האב איך ניט געדענקט
אין די פארגעסענע מינוטן, ווען נחבוש האט אויסגעשפּילט דעם
איד פון „חצות״ און אין סאַלע פון דער פּאַזשאַרנע, מיט די פארקלאַפּטע
פענסטער מיט ברעטער, איז געווען קאלט. דער גוס־רעגן האט פון
צובראכענעם דאך אונדז דערגרייכט. זײן שפּילן איז פאר מיר באַזונדערס
געווען — איך שעם זיך ניט — א גאטעס־דינסט.

* * *

ביטען 7. 7. 39.

. . . ס׳איז מיר עגאַל א גאנץ יאר מיט אלע וועטערן. איז
מען נשמה׳דיק רואיק, געפינט מען אומעטום לעבנס־רוים, ס׳קעלטערט
דיר ניט דער אַרקטיק און ס׳צושמעלצט דיר ניט דער טראפּיק. ניט
אמת מײן ליבער ?! ס׳איז אבער דאך היים בא אונדז, אַנגעגליט איז
די לופט. אף די ראַנדן פון הימל זעסטו אָבגלאנצן פון מארגנדיקע,
מוראדיקע העלישע פייערן און לעשן וועט מען זיי נישט אנדערש,
ווי מיט טײכן מענטשליך בלוט. אזוי זײנען שוין די געזעצן פון
אונטערצינדער. יאָ אלץ זאגט עדות אף דעם. די שורות נאָטיר איך
ליגנדיק אויסגעצויגן ערגעץ אפן פעלד אונטער קוסטעס פון ווילדע
נים־ביימלאך, ביים ברעג פון טײך, ווײט פון דעם גאנצן געפילדער
[כ׳האב צײט, ווײל ס׳איז שבת], די זון סמאַליעט דעם גאנצן ארום,
פון טײך פרישט דיר אָפּ א קילער ווינטל, ס׳איז אלץ אזוי מאָדנע
בראשית׳דיק שטיל, א לויטערער הימל, אַ גרינע שמעקעדיקע לאַנקע,
מיליאָנען דאוונענדיקע זאנגען, א שטילער פּליעסקען פון טײך. מײנע
מחשבות׳ן אויך אזלעכע שטילע, רואיקע ווי דער שפּאַן קאסמאס
וואס ס׳איז מיר צוגעטײלט. ניט אמאליקע צײטן די דערייאַליעטאַ
אין צושטורעמטע. ביסט שוין היינט מיושבדיקער, מ׳קאן שוין רואיקער
זײן. היים בלוט געווען און לעבליך איצט. נאך א ווײלע און נאך
לעבלאכער. א באַקאַנטער פויער פון לאנקע ארוים מיט דער קאָסע
אפן אַקסל גייט פארביי, באמערקט מיר, זעצט זיך צו און מיר
פארויכערן בײדע. „וואס שרייבן די בלעטער ?! צי וועט זײן מלחמה ?!

זאל זי שוין זיין באמערקט ער מיט רעזיגנאציע, וואס מאַטערט מען אונדז מיט א יאָ און מעגלאך אַ ניין — שוין לאנגע חדשים. מ'קען מער ניט אויסהאלטן, די נערוון רייסן זיך. אָבער ס'וועט אינגיכן זיין — באַרואיקט ער זיך. ס'איז אין פעלד א גערעטעניש וואס לאנג ניט געווען אזא. די קאָרן קוקט צום הימל [דאס באצייכנט ער אזוי די גערעטעניש], די קאָסע קוים וואס שניידט די גראז אזוי געדיכט און הויך איז זי. א זעלטענע שפע אין דער תבואה, דעריבער וועט שוין אינגיכן עפּעס זיין, ווייל מענטשלאכע פראצע וועט מען אויסרייבן". דאס איז דעם פויערס בולטער סימן, אז ס'וועט זיין יאָ מלחמה, ווען ער וועט זיין ביסל שוויס וואס ס'ליגט אין די זאנגען — ארייגפירן אין שייער.

וועט זיין אדער ניט זיין??? זאל יאָ זיין, זאל ניט זיין, דאס וואס דארף זיין זאל שוין וואס גיכער זיין — דאס איז ווערטערלאך בא אלעמען אין געדאנק. די ערשטע פייער-ליניע איז גענומען געוואָרן אָן שטורעם. די אלערליי אונטערצינדער האבן גלענצנד באשאסן די מאסן זייערער מיט די געפערלאכסטע קוילן פון . . . רעזיגנאציע דער אומווילן איז פסיכאלאגיש געבראכן געווארן; מ'וועט גיין, מ'וועט פירן, מ'וועט לויפן אף די שלאכט-פעלדער צו די שלאכט-הייזער, אין די ברידער-קברים. אריער מיט ניט אריער, „העכערע" ראסן מיט „נידעריקע" ראסן, אלע צוזאמען, אלץ צוזאמען. אבער איינס ווען מיר דערגרייכן, א מילימעטער פון אונדזער לאנד וועלן מיר ניט אָפּ־געבן מיט אונדזער ווילן. מיר זיינען אלע דעצידירט מיט אונדזערע קערפּערס פארטיידיקן אונדזער פרייע רעפּובליק, וואו אלע בירגער זיינען גלייך אין לעבן, וואו אלע האבן ד. ז. רעכט, און טאמער מאכן אנדערע עפּעס באמערקונגען, איז דאס מער ניט ווי גרויל פּראפּאגאנדע, ווי מנובלים. מיר דא אפן ארט ווייסן דאך דעם אמת, און דו אויב דו לייענסט ערגעץ אין דער פרעסע, איז נעם עס ניט אין אכט, ווייל עס איז אַ געמיינער ליגן.

. . . כאראקטעריסטיש פאר אלע פחדנים ווען זיי מיינען אז אויב זיי וועלן זיין באזארגט מיט געלט און סחורה, וועלן זיי אויסמיידן די אָלע אומגליקן וואָס אַ מלחמה ברענגט מיט. אַ נאַש־בראַט וואָס

האט שוין דורכגעמאַכט די וועלט-מלחמה 1914/19 האט צופיל געזען און געלערנט, כדי ניט מאכן וועלכע ס׳איז נאַרישע אויספירונגען. אז דער שטורעם וועט אויסברעכן, וועט ער ניט וויסן פון קיינע גרעניצן, פון קיין שטאַנדן, און ווי א מוראדיקע לאווינע וועט ער אלץ און אלעמען פארפלייצן. די וועלט-מלחמה פון 1914 וועט זיין ווי אַן אידיליע לגבי איצט. די ציווילע באפעלקערונג וועט זיין מער באדראַט.

* * *

פערזענלאַכעס:

פון דער שוועסטער שרה-דינה הינקד.

אַראַבינאָווטשיזנע, 39 .7 .2:

... און א ביסל סיבות — קליינע קינדער; דאס איז דער א ביסל צוגעקילט, דאס יענער, און אויך קיין גרינגע האדעוואניע האב איך ניט, איך בין ניט פון די מזלדיקע מאמעס. זיי זיינען זייער זאַפּאַדליווע, נאר איצט גאט-צו-דאנקען. א פּאר טייערע חברה, נאר קאַפּריזנע. חיהלע האלט אין איין פרעגן, ווען וועט דער דיאַדע יצחק ליב קומען?! זאג איך איר: מיין טאכטערקע, ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך אמאל זען מיט דעם דיאַדיע. זאָגט זי: איך וואָלט אים זייער וועלן זען, און דערפאר, מאמע, האט דאס דער דיאַדיע נעבאך, געשיקט אונדז אמאל דעם דאלאר, ווייל ער קען אליין ניט קומען?! אויך איז איצט בא אונדז דער סעזאן פון יאַגדעס רויטע, פרעגט זי מיר, צי דער דיאַדיע אין אמעריקע האט אויך רויטע יאַגדעס, און צי דארטן איז ניט טייער?! זי איז זייער אַ קלוגע. דאס גלייכן אהרן׳טשיק, עס רעדן ביי אים די אויגן, אבער זייער פארשטיפּט.

איך האב איר לענגער געגעבן עסן, עסט און עסט און דער גאנצער עסן איז נאך פאראן. זאג חיהלע, בא דיר אין טעלער איז דאך צוגעוואַקסן״! איז גלייך געוועזן אן ענטפער ניט קלערענדיק: „וועט דער פּאַפּאַ פארשפאַרן זייען אז ביי מיר אין טעלער וואקסט״! דאס איז א זעלטענער איינפאל. אויך אז זיי גייען אויפן פעלד, ווייסט מען וואס אויף יעדער פּאַלאסע וואַקסט. וועגן חיהלען איז דאך

אָפּגערעדט. זי האָט געוואוסט ווען זי איז אַלט געווען 1½ יאָר. דאָס גלייכן אהרן׳טשטיק. איצט ווער קען איבערגעבן זייערע איינפאַלן? איך פאַרגעס גלייך, אבער צייטנווייז, איז נשתומם צו ווערן, זאלן זיי נאָר זיין געזונט.

* * *

ביטען 25 מאי, 1937.

<פאגראם בריסק>

. . . אט איז שוין 12 טעג נאך בריסקער חורבן. איך בין דאן דורכגעפארן די סטאנציע פאַרנדיק פון ווארשע. ס׳איז נאך געווען אַפן פרימאָרגן. ווער האט דאס געדענקט אז אין א פּאָר שעה אַרום וועט מען דארטן מאכן אזא גיהינום. דאס וואס ס׳איז דארטן פאר־געקומען שטייגט איבער די שווידערלאכע פאנטאזיע. מ׳האט ביזן גרונט חרוב געמאכט אן אידישע קהלה פון 22 טויזנט קעפּ. דאס וואס מ׳האט ניט געהאט די מעגלאכקייט צו ראַבירן, האט מען פאַר־ניכטעט. מ׳האט מיט לאנגע מעסערס צעשניטן די איבערגעבליבענע סחורה, צוהאקט אלע איינריכטונגען, ארויסגעריסן אפילו די ראמען פון די פענסטער, און די גאנצע שטאט באדעקט אין א הערלאכן מאי טאג, מיט א בוכשטעבלאכן שניי פון אידישע פּערענעס און קישנס. די געשעפטן זיינען אזוי פאַרניכטעט געווארן אז מ׳קאן ניט פעסט־שטעלן וואס פּאר א סחורה איז דארטן געווען — מאנופאקטור צי אייזנווארג. פון די אלע 38 אידישע בעקערייען איז ניט געבליבן קיין איינע, חרוב געמאכט ביזן גרונט. די אלע אפּטייקן און אפּטייק־סקלאדן פאַרניכטעט אין בוכשטעבלאכן זין פון ווארט. דאס אלץ האבן צורעכט געמאכט עטלאכע הונדערט כוליגאנעס, ארבעטנדיק פראַנק־און־פריי גאנצע 16 שעה אין א שטאט וואס ציילט 80 טויזנט קעפּ און האט א שטארקן מאכט־אפּאראט. דאס פיינלאכסטע איז וואס די אידישע באפעלקערונג האט ניט געהאט קיין מעגלאכקייט זיך פאַר־טיידיקן. דו פארשטייסט וואס ס׳הייסט — „ניט געהאט קיין מעג־לאכקייט״? ! נו, זי האט ניט געהאט קיין מעגלאכקייט, זי האט ניט געהאט קיין מעגלאכקייט! שריי הויך אויפן קול, בייל די פויסטן, קריץ מיט די ציין! די אידישע באפעלקערונג וואלט זיך לייכט אַן

עצה־געגעבן מיט די עטלאכע הונדערט אויסוואורפן, נאר זי האט ניט געהאט קיין מעגלאכקייט. זי איז געווען געצוואונגען צו ניט האבן אַזאַ מעגלאכקייט. פארשטייט וואס דאס איז. אַן גרענעצן איז דער צאָרן. עס פלאַמט דער גאנצער קערפער פון חרפה. עס ציטערן די הענט. ניט געווען קיין מעגלאכקייט! א געצוואונגענע ניט מעגלאכקייט.

מיר לעבן אונטער דעם קאשמאר בריסק. שנעלער ווי עטער־כוואליעס קייקלט זיך די כוואליע פון האַס און העצע. די לופט איז פאַרסמט. ס׳שטיקט, שווער צו אָטעמען. דאס איז אַנאַרכיע. די אידישע באַפעלקערונג איז שוצלאָז. איר האָב און גוטס איז הפקר. עטלאכע הונדערט כוליגאנעס האבן 16 שעה פראנק־און־פריי געווילדעוועט ווי אין אַן אַפריקאנישן דזשאנגל. אין תהום פון דלות און הונגער דער־פירט א 22 טויזנט קעפיקע אידישע קהילה. דאס איז פארגעקומען אין א וואָיעוואודסטוויא שטאָט מיט א שטארקן מאַכט־אַפּאַראַט. מייסטנס „ארבעט״ האבן דורכגעפירט פרויען און שול־יוגנט, די אידישע באַפעלקערונג האט ניט געהאט קיין מעגלאכקייט זיך פאַר־טיידיקן. מקאן משוגע ווערן פון חרפה.

דער וואגלדיקער הונט אין גאַס, ער האט דאך יאָ אזא מעג־לאכקייט. כ׳שעם זיך אזא הונט קוקן גלייך אין די אויגן. ער האט דאך מער מעגלאכקייטן ווי איך דיין ברודער.

ווי ס׳האט געווירקט דער חורבן בריסק אף דער ניט־אידישער באַפעלקערונג און וואס פאר אטמאספערע ס׳האט זיך געשאפן בא אונדז אין אונדזער געגנט — דאס זיינען אליץ באזונדערע קאפיטלען וועלכע כ׳הויל דא ניט באַרירן. מ׳דאַרף צופיל שרייבן וועגן דעם.